STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04522

DER TAYVEL

Leonard Landes

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דער טײזועל

ה׳ לי בעוזרי, ואני אראה בשונאי (תהילים).
בעשיצע מיך גאט פון מיינע גוטע פריינד
פון מיינע שונאים וועל איך מיך אליין בעשיצען.

שילדערונגען פון שלעכטע וועגען וואו יונגע לייט ווערען פערפיהרט, און דיא רעזולטאטען דערפון.

פערפאסט אונד הערויסגעגעבען פון

דאקטאר לעאנארד לאנדעס,

געוועזענער אסיסטענט פון אוניווערסיטי דיספענסערי, דעלמיט דיספענסערי, פאסט גרעדיואייט האספיטאל, פאליקליניק, בעלוויו האספיטאל דיספענסערי, לעבאנאן האספי־ טאל, ניו יארק אראל אינסטיטוט, ניו יארק אינפערמערי, דייטשע פאליקלי־ ניק, מאנט סייני האספיטאל דיס־ פענסערי, געוועזענער ארצט דער פאנאמא רייל ראאד קאמפ.
אונד דירעקטאר פון עלעקטרישען מעדיצינישען אינסטיטוט, ניו יארק.

פערפאסער פון
„יונד געגען דער נאטור“, „דער מענער פריינד“, „דער פערפיהרטער“, „מאן און פרוי“, „אדם און חוה“, „די הייראטה“, „דעמעדזשד גודס“, „דיא ליבע“, „דער מענש“, „קערפער און זעעלע“, „געזונד און לעבען“.

---

140 E. 22nd St. New York

Office Hours: 9 a. m. to 8 p. m. Sundays: 10 a. m. to 3. p m.

Price, 20 Cents.

אינהאלט פערצייכניס.

פיידזייט

פאררעדע ....

1. אמת פאר אפענעם געריכט 1

2. סיפילים און היסטארישע פאקטען.......... 13

3. געאגראפישע, קלימאטישע און עקאנאמישע אומשטענדען 20

4. סימפטאמען, סטופען, פאלגונגען פון די קראנקהייט 30

5. קראנקהייטען עהנליך צו סיפילים. וויכטיגקייט פון
א ריכטיגען דיאגנאזיס 42

6. ווען ברעכט אויס א שאנקראאיד 45

7. פון וואס בעשטעהט „סיפילאפאביע" 47

8. וויא אפט ווענערישע בארעדעווקעס פאסירען 49

9. ווענערישע קראנקהייט און דיא געזעלשאפט.......... 50

10. די אייסנעלאסענע פרויען אלס אורזאכע פון אלע צרות 52

11. וויא סיפילים ווערט פערשפרייט און די טרויעריגע פאלגונגען 59

12. ווען ווערט דאס קינד אנגעשטעקט.......... 60

13. די אורזאכען פון מפיל זיין און האבען טויטע קינדער 68

14. אלטע און נייע מיטלען צו דיאגנאזירען און קורירען סיפילים...... 70

15. די בעהאנדלונג און היילונג פון סיפילים 71

16. וויא „סאלווערסאן" ווערט איינגעשפריצט.......... 76

פאררעדע.

אין פערפערטיגען דיעזען בוך „דער טייוועל", האט ד'ר לאנדעס בעריהרט א פראגע וועלכע איז איינע פון דיא וויכטיגסטע און וועלכע ד'ר לאנדעס האט פאר פיעלע יאהרען פון זיין לאנגער פראקטיקע געזוכט צו לייזען.

אין דעם „טייוועל" בעהאנדעלט ד'ר לאנדעס די געהירען און דיא שרעקען פון דער אלער העכסטער פערשפרייטער מיזנער קראנקהייט און ווי אויך פרויען קראנקהייט סיפילים. ד'ר לאנדעס האט דיעזען בוך מיט רעכט גערופען „דער טייוועל", ווייל די אונגליקען וואס דיעזע קראנקהייט ברייגנט פאר די מענשהייט איזווירקליך א טייווילשע.

דיעזע קראנקהייט וועלכע קומט אלס רעזולטאט פון אויסגעלאסענהייט, איז דיא שרעקליכסטע פון אלע קראנקהייטען. ד'ר לאנדעס וועלכער האט בעהאנדעלט טויזענדע לניידענדע פון דיעזער חלאת, האט דיעזע קראנקהייט גרינדליך נאכגעפארשט. און דא אין דיעזען בוך גיט ער איבער אלע פאקטען, וועלכע זייגען נויטווענדיג פאר יעדען מאן און פרוי צו וויסען. און ניט נאר דארף עס יעדער מאן און פרוי וויסען זאנאר קינדער דארפען עס וויסען. עס איז די פלוכט פון יעדער פאטער און מוטער בעצייטענס איידער עס איז נאך צו שפעט בעקאנט צו מאכען דיא קינדער מיט אללע פאקטען פון דיעזע קראנקהייט און מיט דיא רעזולטאטען וועלכע קומען דערפון.

דיעזע קראנקהייט וועלכע איז פערשפרייט איבעראל, און קען מיט רעכט אנגענומען ווערען צום אלוועלטליכע מגפה, האט עס דיא לעצטע יאהרען אנגעהויבען פערשפרייט צו ווערען צווישען אידען. ד'ר לאנדעס האט עס ענטדעקט אז סיפילים ווערט פערשפרייט צווישען דיא אמעריקאנער אידען, וועלכע האבען פערוואָרפען דיא אלטע אידישע מנהגים פון טהרת המשפחה וואס איז פאר יאהר טויזענדע געווען א צוים פאר דיעזע קראנקהייט.

איצט ברייננגען דיא צייטונגען ידיעות דאס זאגאר אין רוסלאנד האט סיפילים אנגעהויבען צו ווערען א אידישע חלאת.

דיא רוסישע אידען הויבען זיך אויך אפצוקערען פון זייערע אלטע לעהרען. זיי ווילען פערברייננגען גוטע טעג און פרעהליכע נעכט. מענער הייראטהען שוין ניט יונג, און שאנדע הייזער ווערען מעהר בעזוכט פון אידען. דאס האט נאטירליך געמוזט ברייננגען דערצו אז סיפילים זאל געפינען א צוטריט צו אידען.

עס איז ד׳ר לאנדעס אויפגאבע אין דעם „טייוועל" וואס איז יעצט פאר׳ן לעזער צו ערקלעהרען זיי דיא אורזאכען פון סיפילים, און אויך דיא פאלגען פון דיזע קראנקהייט, וועלכע, ליעגט וויא א גנב בעהאלטען אונטער דער מענשליכער הויט און איז פערטיג צו יעדער מינוט ארויסצושפּריננגען און צו טהאן איהרע שוידערליכע ארבייט.

אויסער דעם וואס סיפילים איז געפעהרליך פאר דעם דאזיגען וועלכער ליידעט פון איהר, איז זי אויך געפעהרליך פאר דיא אונשולדיגע און בכלל פאר אלעמען וועלכע קומען מיט דעם סיפיליטיקער אין בעריהרונג.

סיפילים איז א פּעסט.—א פּעסט פאר דער גאנצער מענשהייט און דאס איז וואס ד׳ר לאנדעס וויל דערצעהלען דיא מאסען, אום זיי זאלען וויסען און זיך היטען. ווען איהר ווילט זעהן דיא פאלגען פון סיפילים קענט איהר עס זעהן מיט אייערע אויגען אין ד׳ר לאנדעס׳עס אויסשטעלונגען אין 44 דעלענסי סטריט און 100 עוועניו „בי" ניו יארק.

מיט אכטונג

Dr. Leonard Landes

140 איסט 22טע סטריט

ניו יארק.

ערשטער קאפיטעל

אמת פאר אפענעם געריכט.

מיט 25 יאהר צוריק בין איך ארויס פון קאלעדזש פול מיט האפענונגען און אויסגעלייגטע פלענער. פון יענעם טאג אן אלס איינע פון מיינע אויפגאבען איז געווען און איז נאך עד היום קלינער און בעססער מאכען מיינע מיט מענשען דורך פערהיטען קראנקהייטען און זיי צייגען דאס לעבען אין זיינע אמת'ע קאלירען. איך שטרעב זיי זאלען בעקאנט ווערען מיט דעם נאקעטען אמת וועלכע איז ניט און קען קיינמאהל ניט זיין שמוציג.

מיין ספעציאליטעט מענער און נערוועזע קראנקהייטען, מיינע פראקטיק אין דיא גרעססטע אייראפייאישע און ניויארק האספיטעלער האבען מיר זאנסט ענדעקט א סוד אויפ'ן אויער פון די גרויסע אומגליקען וועלכע זיינען דיא פאלגונגען פון אונוויסענהייט און פאלשע בעשיידענהייט.

אין דיא אומגליקליכע מענער און פרויען, אין דיא פארוועלקטע, אלטע פאר דער צייט קינדער, געבארענע פאר דיא צייט קינדער, אין די ארמייע אונגליקליכע און ליידענדע וועלכע זיינען פאר אנדערע דאקטוירים בלויז מאטעריאל צו געהען אין מעדיצינישע ארביוועו אלס נומערירטע זאנדערבארע קייסעס האב איך געזעהען דיא פריכטע פון נארישע עקשנות, וואס האט געהאלטען אונזער געזעלשאפטליכען לעבען אין איהרע צוואנגען און דיא ווארנונג פון נאטור פאר דיא פערברעכען וועלכע ווערען בעגאנגען געגען איהר הונדערטע יאהרען. דיא פארעקשענטע בעהויפטונגען דאס מען טאר ניט און מען דארף ניט ריידען, שרייבען און דיסקוטירען פון געוויסע זאכען האט און קאסט אב דיא וועלט הונדערטע טויזענדע מענשען'ס קרבנות יעדען מינוט פון לעבען.

דיא נרייזאמע שטראפען פון די נאטור, וועלכע איך האב געזעהען אזוי דייטליך און קלאהר אין דיא אומגליקליכע וועלכע איך בעהאנדעל און קוריר שטעהען שטענדיג פאר מיינע אויגען; צוליעב זיי האב איך בעשלאסען צו רייסען מיט אלע מיינע מעגליכקייטען מיט מיין מעדיצינישע

דער מענש קען לאנג און איבעראל עקסיסטירען,
ווען ער זאל וויא דר. לאנדעס צייגט זיך פיהרען.

קענטניס מיט מויל און פעדער, דיא שלייערס פון פינסטערניס וועלכע הילען איין דיא גאנצע וועלט.

מיינע ביכער, מיינע צייטשריפטען האבען אייממער געהאט דעם זעלבען צוועק. איך האב אנגעפאנגען פון „אלעף“. און געה איממער פארווערטס, אין מיינע ביכער האט איך צוערשט דער קלעהרט דעם מענשליכען קערפער געבוי, נאכהער דיא זעללע ; איך האב בעשריבען אללע קראנקהייטען אין מיין „דאקטאר בוך“ ; אין „פערפיהרטער“ און „זינד געגען דיא נאטור“ האב איך בעשריבען דיא שוידערליכע פאלגונגען פון שלעכטע געוואהנהייטען. איך האב די גאנצע צייט אליין געלערנט פון ביכער און ערפאהרונג, דיא בעסטע שוהלע, און מיט מיינע לעזער מיט מיינע ערפאהרונגען און וויסענשאפט זיך געטהיילט. מיינע לעזער, דאס מעהרסטע מיינע פריינדע, האבען פיעל געלערנט פאר דיא פערהעלטניס מעססיג קורצע צייט, איך זעהע עס קלאהר פון זייערע פיעלע בריעף, צו מיר איך זעה עס פון די סירקולאציאן פון מיינע ביכער וועלכע שטייגט פון טאג צו טאג. מיינע לעזער זיינען דורך געדרונגען מיט דיזעלבע אידעע וואס איך פראפאגאנדיר שוין פאר אזוי פיעל יאהרען, דאס אום צו בעקעמפען עפעס און זיך פערהיטען פון צרות מוז מען וויסען וואס מעהר. איהר האט דאך געוויס געהערט וואס עס ווערט דערצעהלט פון גאלילעאוס דער גרויסער שילער פון גרויסען אסטראנאם קאפערניקוס ? דער בעריהמטער קאפערניקוס איז געוועזן דער וואס האט דער ערשטער אויסגעפונען דאס דיא ערד בעוועגט זיך ארום דיא זון, אזוי וויא אלע פלאנעטען. ביז יענע צייט האט מען געגלויבט דאס אללע פלאנעטען, דיא זון אויך דרעהען זיך ארום דיא ערד, גאלילעא האט דיא טהעאריע פער פאלקאמט און געשריבען א גרויסע ווערק און וועלכע ער האט עס איבערצייגט מיט שניידענדע בעווייזע. גאלילעא האט אבער געלעבט אין 17 יאהר הונדערט ווען מענשען האבען ניט געטארט ריידען און פרעדיגען וואס זיי האבען געוועלט, דיא אינקוויזיציאן, דיא זעלבע בלוטיגע חיה, וואס האט אזוי שרעקליך געפייניגט און פערפאלגט די אידען אין שפאניען און פארטוגאל, האט געשיקט רופען גאלילעא ער זאלל אפ געבען דין וחשבון פאר זיינע

ווילט איהר וויסען אונד קומען צום ריכטיגען שפור,
לעזט און שטודירט דיא זינד געגען דיא נאטור.

אפיקורסות. א קליינינקייט פאר 16 הונדערט יאהר האבען אלע געדיינקט און בעהויפטעט; דער ערד קוגל אין דער סענטער פון דיא פלאנעטען און אללעס בעוועגט זיך ארום איהם און ער גאלילעא זאגט גאר עפעס אנדערש! פאר שטונדען לאנג האבען דיא אינקוויזיטארען מיט איהם ארגומענטירט; זייער בעסטער ארגומענט איז געווען דער שייטער הויפען אין וועלכען זיי האבען איהם געסטראשעט ארייננצוווארפען. גאלילעא האט תשובה געטהון; ער האט זיינע בעהויפטונגען צוריק געצויגען; אויף דיא קניע איז ער געשטאנען און מחילה געבעטען. אזוי שנעל וויא ער האט זיך אבער אויפגעהויבען פון דער ערד האט ער אבער אויסגע־שריען: „אבער זיא (דער ערד־קוגעל) בעוועגט זיך דאך!"

פאר דיא לאנגע יאהרען, וועלכע איך ארבייט אין דער בעוועגונג צו פערהיטען קראנקהייטען און פערשפרייטען וויסענשאפט צווישען מענשען וועגען דיא אללע אהן אויסנאהמע, קערפער ארגאנען און פונק־ציאנען האב איך געהאט מיינע אינקוויזיטארען מיט פערשידענע שויטער הויפענס. פערשיעדען זיינען געווען מיינע אינקוויזיטארען, עבען פער־שידענארטיג זיינען געווען זייערע מאטיווען און אטאקען, אין איין זאך זיינען זיי אללע געווען איינשטימיג: מיר שאדען טהון און מיר אין מיינע ארבייט שטערען. ניט פאר א מינוט האב איך אבגעהאלטען מיינע ארבייט; אימער פארווערטס צו מיין גערעכטען צוועק בין איך געגאנגען. אימער צו האב איך בעהויפטעט: „עס בעוועגט זיך דאך". ניט פאר א מינוט האב איך צוריק געצויגען מיין בעהויפטונג דאס דער אמת און אימער ריין, און דעם אמת מוזען מענשען וויסען. עס ווערט דערצהיילט דאס אין עגיפטען (מצרים) גאר אין דיא אור אלטע צייטען האט אמאהל געלעבט א יונגער מאן. ער האט געשטאמט פון גרויסע יחסנים, און אזוי וויא ער איז געווען זעהר פעהיג און שטארק געוואלט געניסען בילדונג האט ער בעשלאסען צו ווערען פריסטער אין א טעמפעל. צו יענע צייטען, זיינען די פריסטער געווען דיא אייגציגע פארשטייער פון בילדונג. פאר יאהרען לאנג האט ער געלערנט; אללע אלטע יעראגליפען האט ער דורכגעלעזען. ער האט כמעט אללעס געוואוסט. איין זאך האט ער ניט געוואוסט;

וועו איין מענשענס מאשין ווערט עס וואס ניט גוט,
איז 140 איסט 22 סט. דער ריכטיגער אינסטיטוט.

אין טעמפעל אין איין ווינקעל איז געוועזן א גרויסער שווערער פארהאנג: דארטען האט מען איהם געזאגט געפינט זיך דער שרעקליכער גאטט פון נקמה. צוא דיא פיס איז ער געפאלען מיט ביטערע טרעהרען פלעגט ער זיך בעטען מען זאל איהם לאזען חאטש איין קוק טהון דארטען. דער הויפטפריסטער האט בעהויפטעט דאס ער קען איהם דאס ניט ערלויבען. ער וועט זיין אומגליקליך דעם גאנצען לעבען און וועט דערפאר שטארק בעשטראפט ווערען.

שווער איז געוועזן דעם יונגען מאן איינצוהאלטען זיין נייגעריגקייט איין מאהל האט ער געוואגט און געטון דאס פערבאטענעס. ער איז פערבריבען אין טעמפעל ווען אללע זיינען אוועק אויף א רעליגיעזע צערעמאָני: מיט ציטערנדע הענד און צעשראָקענע הארץ האט ער אויפגעהויבען דעם פאָרהאַנג: בלויז איין קוק האט ער געגעבען און ער איז געפאלען אין חלשות.

וואָס דענקט איהר האט ער דערזעהן? ער האט קיין זאך ניט געזעהן!

דער אמת איז אן אבסטראקטע זאך עס רעגירט איבעראל און אין דא איבעראָל אבער עס האט קיין גוף און קיין דמות הגוף. אנשטאט צו דערקלערען דעם יונגען מאן אלעס האט דער הויפטפריסטער איהם דערצעהלט בלויז דעם האלבען אמת; ווען ער וואלט געוויסט דעם אמת וואלט דיא פאסירונג ניט געהאט אזא שוידערליכען ווירקונג אויף איהם. דיאזעלבע ווערט געטהון היינטיגע צייטען. דער אמת אין אללע אומשטענדען פאן לעבען, איבערהויפט, וואס אנבעלאנגט געשלעכטליכען לעבען אונד וועגערישע קראנקהייטען ווערט בעהאלטען אונטער א געדיכטען פארהאנג פון פאלשע בעשיידענהייט און פערשווייגען. ווען דיא אומשולדיגע קומען אין בעריהרונג מיט דיא עקסיסטירענדען לעבענס אומשטענדען, גערן אדער אונגערן, זענען זיי הילפלאז, וויא קליינע קינדער אונד ווייסען נישט וואס פריהער צו טהון. אונוויסענהייט איז דער קוואל פון אללע אונגליקען און געשלעכטליכען לעבען און געשלעכטליכע קראנקהייטען. פאר יאהרען לאנג פרוביר איך מיט

דר. לאנדעס אדרעסע פערגעסט ניט:
140 איסט 22 טע סט

פיעלע אנדערע ערנסטע רעכט דענקענדע מענשען אויפצוהויבען דעם שווערען פארהאנג. מיר ווילען ציינען דיא וועלט ניט נור דיא רעכטע בעסערע זייט; דיא בעסערע היפאקריטישע זייט מען איממער מיר ווילען ציינען דיא טריפה לינקע זייט פון געזעלשאפטליכען לעבען. דאס וואס מען פראבירט בעהאלטען מיט אללע כחות און מעגליכקייטען: מיין בוך "דער טייוועל וועלכער בעהאנדעלט בלוטפערגיפטונג אדער 'סיפילים,, די שרעקליכסטע פון אללע געשלעכטס קראנקהייטען, איז א בוך וועלכען איך האב געוואלט שרייבען נאך מיט יאהרען צוריק; איך האב דאס ניט געטהון וויל דיא צייט און מיינע לעזער זיינען נאך ניט געווען רייף דאפיר; "סיפילים,, דיא פלוך פון דער געזעלשאפט וועלכער איז פיעל שעדליכער און פיעל מעהר אנשטעקענד וויא דיא אנשטעקינסטע קראנקהייט טובערקולאזיס דארף און זאלל אויסגעראהט ווערען און וואלט'אוך געקענט אויסגעראהט ווערען אונטער ריכטיגע אומשטענדען

ביז מיט בלויז א קורצע צייט צוריק האט מען וועגען די קראנקהייט אהוץ אין מעדיצינישע ביכער געשריעבען אויסדריקליך פאר דאקטוירים און סטודענטען, אין קיין בוך געקענט געפינען, עס איז געווען פערעכענט אלס בעליידיגונג און אנשטענדיגעס יאר אנגערופען מיט'ן נאמען. "די העסליכע קראנקהייט" "בלוטפערגיפטונג" דיא אויסגעלאסענע קראנקהייט', "דיא אויספערשעהמטע קראנקהייט' און נאך א זעלכע נעמען זיינען געווען דיא מאסקען אונטער וועלכע מען פלעגט עס יא אמאהל אין אנווינגע דערמאהנען. אין ווירקליכקייט רופען נאך יעצט אויך דיא צייטונגען אונד פיעלע ביכער מיט רייזען אויבען דערמאנטע נעמען. אין אמעריקא ניט אבטענדינג דאריף וואס עס עקזעקטירט דא פרייע פרעסע איז זעהר ווינציג געזאגט אונד געשריעבען געווארען אין עפענטליכקייט וועגען "סיפילים,, ערשט לעצטענס בלויז מיט א פאר מאנאט צוריק האט עפעס א בלאז געטהון א ניי ווינטעל. ,,נייע צייטען-- נייע ליעדער". עטוואס נייעס האט פאכיערט אין אמעריקאנער עפענטליכען לעבען. א געוויסע דראמא "דאמעדשער גידס" געשריעבען געווארען פון אן פראנצויזישען דראמאטיסט איז אויפגעפיהרט געווארען אין א ניויארקער טהעאטער. דיא דראמא בעהאנדעלט און דיסקוטירט אין א זעהר

דר. לאנדעס וועט דאך בײַן ,מענש" ניט שטעהן בלייבען.
ער וועט נאך פיעלעס שרייבען און שרייבען

פעהיגען ארט דיא פראגע פון סיפילים און זיינע שוידערליכע פאלגונגען. אין מיין פריהלינג און זומער נומער "געזונד און לעבען" ווערט דיא דראמא בעהאנדעלט און בעשריעבען אין א ספעציעלען ארטיקעל; דא וועל איך בלויז זאגען דאס דיא דראמא איז אקונסטווערק און איהר אויפפיהרונג איז דער אנפאנג פון א נייע עפאכע. דיא דראמא וועלכע איך האלט אין איבערזעצען אין אידיש וועט זיין דיא איינציגע אוטאראזירטע איבערזעטצונג און וועלכע ערשיינט צו דערזעלבען צייט וויא דיזער בוך, האט מיר דערמאנט אן מיין חוב צו דאס אידישע לעזענדע פובליקום צו שרייבען איין בוך וועגען סיפילים.

דיא דראמא ווען עס ווערט אויפגעפיהרט אין א טהעאטער, דיא ווערטער ווען זיי ווערען געלעזען אין א בוך טהוען אויף אסך גוטעס אבער דארטען ווערט עס בעהאנדעלט אלס טהעמא פון א געשיכטע פון א לעבענספאסירונג; פיעלעס ווערט פערפעהלט, פיעלעס ווערט ניט ארויסגעזאגט, איינפאך דערפאר ווייל עס האט ניט א געלעגענהייט דאצו מיין בעשרייבונג בעצייכנעט אלעס איז וויסענשאפטליכע מעטאדע אללעס וואס דיא וועלט פאן וויסענשאפט אונד מעדיצין האט אויסגע־פונען און ערפאהרען אין דער אנגעלעגענהייט. געוויס מיין ווערק וועט אפשר ניט האבען דיא אינדיווידועלע פערזענליכע שטריכען פון מענשליכען לעבען וועלכע בלויז א קינסטלער קען איבערגעבען.

יעדער מענש וואס וועט וועלען וויכען אללעס וואס ער זאלל און איז פערפליכטעט צו וויסען וועט זיך איינשאפעןביידע ביכער און ביידע שטודירען און עס נעהמען צום הארצען

רזשארדזש בערנארד שהאו, דער בערימםטער ענגלישער דראמאטיסט, וועלכער איז בעריהמט פאר זיין וואונדערבארען טאלאנט און פאר זיין פרייען, אפענהארציגען אויסשפרעכען זיינע מיינונגען אין אלע געזעלשאפטליכע פראגען. און וועלכע איז טאקי פעררעכענט ביי היפאקריטען אלס טריפה־פסול און פעראיקט אין זיין האראקטעריסטישע שפראך. קורץ און שארף דריקט ער זיך אין א פאררעדע צו „דעמערזשעד גודס„ אויס וועגען ווענערישע קראנקהייטען און וועגען די מעטאדען און מיטלען און עס אונטערדריקען, זיינע ווערטער זיינען אזוי ריכטיג

דר. לאנדיס האט דעם "מענש" דער מענשהייט גענעבען, דאס זעלבע איז אויך זיין זשורנאל געזונד און לעבען

און גוט דאס איך גיעב דא איבער א פרייע איבערזעצונג:

דער פערפאסער פון „דעמערזשעד גודס", ברויע, אטאקירט אין זיין בוך א געגענשטאנד וואס איז זעהר וויכציג. בעריהרט געווארען און וועלכע מען האט פאר א זעהר לאנגע צייט פארריכטעט אלס אויס שליסליכע שטראף פאר אויסגעלאסענע מענער און זינדיגע פרויען דער „חרם" וועלכער איז געוועזן ארויפגעלייגט אין דיא אנגעלעגענהייט איז געוועזן א צוויי־פאכיגער: ערשטענס איז פערבאטען צו דערמאהנען דיא אונאנשטענדיגע קראנקהייט, צווייטענס דיא קראנקהייט איז א גערעכטע נקמה, שטראף און מוסר השכל פון נאטט פאר אומגערעכטע טהאטען און זאל ניט קאנטראלירט און אויסגעראהט ווערען. פרעגט זיך אבער וויא וויים ווער ס'איז דאס ס'איז א שטראף פאר זינד און פאר ניט ריכטיגען לעבען ווען דאס מעהרסטע מענשען ווייסען גאר ניט וועגען דערין?

דיא אידעע דאס קראנקהייט איז א שטראף פאר זינד און דארף ניט קאנטראלירט ווערען איי א העסליבער טעות. עס איז פונקט אזוי וויא מען וואלט געזאגט דאס מען דארף ניט אויסלעשען א אונ־טערגעצונדענען פייער, דערפאר וואס דער אונטערצונדער וועט בע־שטראפט ווערען פאר זיין פערברעכען.

דיא מעהרסטע קרבנות פון דיא (וועגערישע) קראנקהייטען זיינען אונשולדיגע פערזאנען; קינדער וואס ווייסען ניט וואס אויסגע־לאסענהייט איז און פרויען, צו וועמען עס איז פיהלע מאהל שווער און זאגאר אונמעגליך צו דערקלעהרען אויף וואס פאר א קראנקהייט זיי ליידען. ניט אימער־זייגען דיא פאטערס און מענער פון דיא קרבנות שולדיג; און אויב זיי זייגען אפילו יא שולדיג איז עס אומ־גערעכט זיי ניט דערצעהלען און דערקלעהרען דיא געפאהר פון דיא קראנקהייט; דיא אנשטעקיגע קראנקהייט (סיפילים) ווערט פערשפרייט אין פיהלע פערשיעדענארטיגע וועגען אזוי וויא אללע אנדערע אנשטע־קיגע קראנקהייטען.

דיא אנוועזענהייט פון איין אנגעשטעקטען אין א הויז קען אנ־

צו שאפען דעם מענשען איז ביי גאט דער 6 טאג געבליבען;

איך דר. לאנדעס בעפאהר (דעם מענש) האב

פיהלע ביכער געשריעבען.

שטעקען יעדען איינציגען אין א רויז אהן אויסצוגעפינען פון וועמען עס האט זיך אנגעפאנגען. עס איז שווער צו בעווייזען אין כמעט יעדען פאלל דאס דער ליידענדער איז שולדיג פאר זיין קראנקהייט; וועדער איינציגער ווען ער קומט צו א דאקטאר שטעלט זיך רעכט מיט דעם בעהויפטונג דאס ער אדער זיא זיינען ניט שולדיג אין זייער אומגליק. ווייל דער בעהויפטונג איז ניט איממער דער ריינער אמת אבער אין פיעלע פעלער איז עס גאנץ מעגליך. צולייגענדג צו דיא אנשטעקינגקייט פון דיא קראנקהייט דורך דיא דירעקטע און אונדירעקטע מיטלען אויך דעם פאקט דאס דיא קראנקהייט ווערט איבערגעגעבען בירושה, און אויך דעם פאקט דאס א פערהייראטע פאארעל קען זיך ניט צושיידען אויף דיא גרינדע פון דיא קראנקהייט אהן אדר'ס סערטיפיקייט, וועלכע זיי גיעבען זעלטען ארויס, קען מען לייכט ארויסזעהען דאס פון יעדע שולדיגען פאלל שטאמען שעהנע עטליכע אונשולדיגע פעלער.

אזוי פיעל האב איך איבערגעגעבען פון בערנארד שהאו'ס ארטיקעל און איך דיינק דאס זיינע ווערטער זיינען ווערטה זייער געוויכט אין גאלד; אבער ווער ווייס נאך אזוי פיעל וועגען דיא שוידערליכע פאלגונגען פון דיא קראנקהייט וויא איך וועמעס לעבען איז אזוי אייגג פערבונדען אין היילען, אויסראטהען און פערהיטען דיא קראנקהייטען וועלכע זענען דיא פאלגונג פון ניט ריכטיגען לעבען און שלעכטע אומשטענדען.

עס זענען דא מענשען וואס דורך אומשטענדען און לעבענס בעדינגונגען מוזען מסכים זיין דאס מען קען ניט דיא אנגעלעגענהייטען מעהר פארביינגען און מען מוז וועגען דערין ריידען, שרייבען אוןווארנען דיא פובליק. אבער וואו און וויא זאל די ארבייט געטהון ווערען? וויא מען טהוט און וואס מען טהוט בריינגט ארויס זייער בעמערקונג, „דאס אין ניט דער פאסיגער פלאץ", „דאס איז ניט דיא פאסיגע צייט"; זיי בעהויפטען דאס דיא סקולס און קירכען און שוהלען זענען ניט דער ריכטיגער פלאץ דערפאר, צייטונגען און עפענטליכע פערזאמלונגען זאלען עס

דער מענש איז דיא העכסטע בריה, קיין צווייפעל ניט,
דר. לאנדעס אדרעסע איז 140 איסט 22 סט.

ניט בעריהרען, עלטערען זאללען דערפון ניט ריידען צו קינדער, דער איינציגער פאסיגער פלאץ זייגען מעדיצינישע ביכער וועלכע ווערען געשריעבען פאר דאקטוירים אליין. די ביכער זענען געשריבען אין אזא שפראך, דאס ווען א פראסטער בשר ודם וואלט קריגען געגוג מוטה ארייגצוקוקען אין אזא ספר וואלט ער פיעל ניט אויסגעפונען. איך דיינק דאס אזא בעהויפטונג איז לעבערליך ווען עס וואלט ניט געוועז טרויעריג. איך זאג און בעהויפטע און וועל קיינמאהל ניט מיעד ווערען צו בעהויפטען דאס דיא אללע אנגעלעגענהייטען זאללען בעשפראכען און בעהאנדעלט ווערען איבעראל וואו די געלעגענהייט קומט, נעווים אין יעדען פלאץ אויף א פאסיגען ארט. אבער איין זאך מוז זיין די הויפט צוועק; „ניט פארביינען דעם אמת און ניט פערפוטצען אליגען". קיינער שעהמט זיך ניט און דיינקט ניט פאר אומפאסיג צו ריידען עפענטליך וועגען מיטלען צו פערהיטען אנשטעקינגע קראנקהייטען וויא סקארלעט־פיבער, טייפאיד־פיבער און דאס גלייכען; ווארום זאל מען ניט ריידען וועגען אללע קראנקהייטען אין זעלבען אופן, איבערהויבט, ווען דיא פערבעהאלטענע קראנקהייטען מאכען אן אזא חורבן אין אונזער געזעלשאפטליכען לעבען און סטראשענען אונטערצוגראבען דיא יסודות פון אונזער לעבען.

איך אלס ד"ר פיהל די גרויסע פעראנטווארטליכקייט וועלכע ליעגט אויף מיר. אריכטיגער ערנסטער ד"ר איז ניט בלויז א ד"ר נור אויך דער פערטרויערטער פון פאציענט; א ד"ר ווערט פערטרויעט מיט אזעלכע סודות וועלכע קיין אנדערער ווערט ניט פארטרויעט. פאר 25 יאהר בעהאנדעל איך און קום אין בעריהרונג מיט קראנקע און ליידענדע. קען איך דען זיין אנדערש וויא איך בין? קען איך דער וואס וויים טהאן וויא דיא אנשטעקונגען ווערען פערשפרייט אנדערש וויא שטרעבען מיט אללע מייגע מעגליכקייטען צו עפענען דיא אויגען פון דיא אללע וועלכע זייגען אונטערווארפען צו אנשטעקונג. און ווער איז ניט אונטערווארפען צו דיא סכנה?

סיפילים איז א קראנקהייט וועלכע איז מיינסטענס מילד אין

זייט איהר א קראנקער, א ליידענדער א געפלאגטער,
אין 140 איסט 22 סט. איז דער ריכטיגער דאקטאר.

אויסברעכען, און קען אין מעהרסטע פעלער געהיילט ווערען אין אנפאנג ווען ריכטיג בעהאנדעלט. בלויז אין ווינציג פעלער, ארום 5 אין יעדע הונדערט, האט דיא מעדיצין קייןווירקונג. ריכטיגע מעדיצינישע בעהאנדלונג און ריכטיגער ארט לעבען וועלען ראטעווען פיעלע פון טייוועלס נעצען. דיא וועלכע פרעגען ניט און בעראהטען זיך ניט מיט א דאקטאר זיינען פערברעכער. דיא אנגעשטעקטע און דער וואס ער איז פריי פון אנשטעקונג וואס הייראטהען אהן א ד׳ר׳ס צושטימונג אדער געגען זיין ראטה זיינען קרימינעלע פערברעכער. סטאטיסטיק צייגט דאס פון צוואנציג פעלער וואו דער מאן איז געווען אנגעשטעקט זענען ניינצעהן פרויען געווארען אנגעשטעקט מיט אן אבשייליכע קראנקהייט. דיא קינדער פראגע איז אויך זעהר א ערנסטע אבער עס צייגט אויס נאטור בעווארנט זיך געוויסער מאכען געגען דערין, עס זאל ניט געבארען ווערען צופיעל שוועכלינגע: פיעלע פון די אנגעשטעקטע האבען קיין קינדער אין גאנצען ניט אדער ווערען ניט אויסגעטראגען דיא פולע צייט און ווערען געבארען טויטע. פון 20 אנגעשטעקטע עלטערן האבען בלויז 15 געטראגען פריכטע, די 15 האבען געהאט 28 קינדער, פון דיא 28 זענען בלויז געבליבען 3, און עס וואלט פילייכט בעססער געווען פאר דיא וועלט און פאר דיא קינדער דאס דיא דריי וואלטען אויך ניט געבליעבען ביי לעבען. דיא קראנקהייט איז געפעהרליך און טרויעריג פאר ערוואקסענע אבער עס איז אקינדער מערדערין.

אין נייעם טעסטאמענט ווערט פערשריבען דאס הורדוס, דער אידישער קעניג, האט בעפאהלען צו ערמארדען אללע נייגעבארענע קינדער אין בית לחם ווען דיא שטערען זעהער האבען איהם דערצעהלט דאס א נייער אידישער קעניג איז דארטען געבארען געווארען. צו דיא געשיכטע איז אמת אדער ליגען איז שווער צו בעשליסען, אבער דער נאמען הורדוס איז געבליבען עד היום אלס דער סימבאל פון הארצלאזיגקייט און ברוטאליטעט. דיא קראנקהייט שניידט רעכטס און לינקס, יונגע לעבענס ווערען אויסגעראהט איידער זיי ווערען גע־

נאך דארווינס טהעארי שטאמען די מענשען פון אפפען,

דר. לאנדיס טהעארי איז צו שטארקען דעם שלאפען

בארען אדער באלד נאך זייער געבורטה, אדער מען רעדט גיט און מען דיסקוסירט עס ניט.

געוויס האט איהר געלעזען אין דיא צייטונגען דאס אין פראנקרייך ווערט דיא צאהל פון געבורט׳ס פעלער קלענער פון יאהר צו יאהר; דיא צאהל פון נייגעבארענע קינדער איז אזוי קליין דאס דיא רעגירונג גיעבט געלד בעלאהנונג פאר יעדען נייע־געבארענעם. דיא רעגירונג האט פערקלענערט איהרע קערפערליכע פאסינקייט פאדערונגען אין רעקרוטען פאר מיליטער דיענסט. ווייסט איהר ווארום דאס איז? געוויס עס ווערען אנגעגעבען פיהלע אורזאכען; דער עולם וויל זיך ניט אפגעבען מיט אויפציהען קינדער; דער עולם וויל האבען מעהר פערגניגען פון לעבען; דער עולם האלט פון צוויי קינדער סיסטעם, דער עולם איז קליגער געווארען, נאך אזעלכענע תרוצים. מען דרעהט זיך אזוי וויא אוועווערקע אין א פאסטקע וועלכע קומט קיינמאהל ניט ווייטער. דער איינציגער תירוץ פאר אללעס איז סיפילים, דאס איז דיא קראנקהייט וואס האלט פריינקרייך אין איהרע צוואנגען און וועט איהר ברענגען צום זעלבען סוף וואס דיא מעכטיגע רומישע קעניגרייך האט א מאהל געהאט, ביידען מיטלען וועלען אנגענומען ווערען עס אויסצוראטהען. דיא אומשטענדען אין אנדערע לענדער זענען פונקט אזוי שלעכט וויא דארטען, בלויז דיא איינצעלהייטען קוקען ניט ארויס אזוי בולט וויא אין פריינקרייך. עס וועט ניט נעהמען קיין פיעל צייט און אללעס וועט ארויסשווימען וויא אייל אויף וואסער.

איך וויל דא זאגען א פאאר ווערטער צו דיא וועלכע גלעטען זיך איבער׳ן בייבעלע און זאגען; א, דעם „ממזר בן הנדה" דארף מען עוקר מן השורש זיין; ער האט עס זיינעם בשר פערדיענט, אן ארענטליכען מענשען פאסירט קיינע אומגליקען.

צו דיא וויל איך זאגען, איך וואס האב געזעהן הונדערטע פעלער וואו מענשען זענען אנגעשטעקט געווארען אונשולדיגערווייזע, „אל

פערכאפען דיא קריינקהייט פון אנפאנג איז א נויטיגע זאך,
איך אנפערטרויען זיך צום דר. לאנדעס וואס איז גרויס אין פאך.

תדין את חברך עד שתבוא למקומו״. אורטהייל ניט קיינעם ביז דיא ביסט געוועזן אין זיין לאגע. אפילו אויב דער אומגליקליכער איז געקומען צו זיין לאגע דורך פערקעהר מיט אן אומגליקליכע גאסען פריפערדינט ער אויך מיטלייד. דער ניט אנשטעקען זיך איז פיהלע מאהל מעהר מזל וויא שכל. אין „דעמעדשזעד גודס״ ווערט עס זעהר שארף אויסגעדריקט אין א געשפרעך צווישען ד׳ר און שווינער פאטער, פון יונגען מאן. (דיא אינהאלט און קריטיק פון „דעמעדזשעד גודס״ וועט איהר געפינען אין ד׳ר לאנדעס „געזונד און לעבען״ פריהלינג און זומער נומער דיא דראמע גופא איבערזעצט אין אידיש ביי ד׳ר לאנדעס עבען ערשינען).

דער שווינער פאטער בעט דעם ד׳ר ער זאל געבען דיא טאכטער דיא פרוי פון דעם אנגעשטעקטען יונגען מאן, אסערטיפיקייט דאס דער מאן איז קראנק און ער זאל גענויטיגט ווערען איהר גט׳ן. צווישען אללע ארגומענטס זאגט דער ד׳ר דיא פאלגענדע:

דער ד׳ר. איך האב נאך איין ארגומענט וואס איהר נויטיגט מיר צו געברויכען. זייט איהר אזוי ריין און אהן זינד דאס איהר זייט אזוי אונבארימהערציג צו אנדערע?

לאקעס. מיין הערר איך האב קיינמאהל נוט געהאט קיין אונפערשעמטע קראנקהייט!

דער דר. איך האב אייך דאס ניט געפרעגט. איך האב אייך געפרעגט צו איהר האט זיך קיין מאהל ניט אונטערווארפען צו דיא געפאהר צו ווערען אנגעשטעקט (ער ווארט עטליכע מינוט. לאקעס ענטפערט ניט) אהא! איהר זעהט! ניט אייער גוטסקייט האט אייך געראטעוועט, עס איז בלויז אייער מזל. קיין זאך ברייננט מיר ניט אזוי ארויס פון געדולד וויא אייער טערמין דיא אונפערשעהמטע קראנקהייט .. איך וואלט וועלען וויסען וויפיעל מאהל דיא וואס קעהרען וועלטען געגען דיא אומגליקליכע וועלכע זיינען אנגעשטעקט געווארען, זענען אליין געוועזן אונטערווארפען צו דעם זעלבען געפאהר און האבען זיך בלויז געראטעוועט דורך אצופאל אדער וואונדערבארער מזל.

סיפיליס איז א קראנקהייט וועלכע דארף פעראינטערעסירען יעדען איינציגען מענשען. קיינער קען וויסען צופיעל וועגען דערין. וואס מעהר מען וועט וויסען דערפון דעסטא ווינציגער וועט זיין דיא סכנה פון אנשטעקינג און דעסטא פערקלענערט וועלען ווערען דיא שרעקליכע פאלגונגען.

צווייטער קאפיטעל.

סיפילים און היסטארישע פאקטען

אין ערשטען קאפיטעל פון דיעזען בוך האט ד״ר לאנדעס בעמערקט דאס פיעלע לייטע זיינען אזוי פארזיכטיג און אזוי בלומרשט בעשיידען דאס זיי רופען ניט דיא קראנקהייט מיט דעם נאמען אונטער וואס עס איז יעצט בעקאנט אין דער מעדיצינישע ליטעראטור. פון אלע נעמע איז „בלוט פערגיפטונג״ דער איינציגער וואס גיעבט איבער איין עטוואס ריכטיגע אידעע פון דיעזע קראנקהייט. דיא איבעריגע דריקען אוים אזוי פיעל אבערגלויבען און פאלשע בעשיידענהייט דאס זיי זיינען זעהר אינסטרומענטאל אין פארשטארקען און פערשפרייטען דיא מיינונגען וועלכע האלטען אין איין פערשפרייטען קראנקהייט און פינסטערניס. סיפילים איז א פערגיפטונג פון קערפער סיסטעם וועלכע נעהמט פלאץ דורך דיא הילפע פון דיא בלוט געשייר, אבער עס גיעבט אויך פיעלע אנדערע קראנקהייטען וועלכע פערשפרייטען זיך אויף דעם זעלבען אופן. ד״ר לאנדעס וועט דא אנרופען בלויה, מאלאריע, פיעלע מעדיצינישע אוטאריטעטען בעהויפטען זאגאר דיביטיעס (צוקער קראנקהייט), רהומאטיזם און פיעלע אנדערע; דיא מיינונג אין די מעדיצינישע וויסענשאפט, אבוואהל ניט אללע אגענטען וועלכע פערזאכען קראנקהייטען זיינען ריכטיג בעקאנט, דאך איז בעוואסט דאס דיא מייסטע אנשטעקונגען ווערען פערטראגען און פערשפרייט אין קערפער־געביי דורך דיא הילפע פון דיא בלוט, וועלכע זוינט איין אדער ענטהאלט דיא אורזאכע פון דיא קראנקהייט און ווערט אלזא אין יעדען פאלל א קיים פון בלוט־פערגיפטונג.

שהעקספיער דריקט זיך אוים אין איינע פון זיינע ווערקע „וואס איז אין א נאמען?״ ד״ר לאנדעס דיינקט א נאמען האט

ד״ר. לאנדעס ״געזונד און לעבען״ עבען ערשיענען, ענטהאלט אלעס וואס איהר דארפט און זאלט וויסען.

זעהר פיעל צוזאגנען. אויף א מענשען׳ס געדאנקען און געהירען און האט א גרויסען ווירקונג אין לעבען און אויפפיהרונג. ד׳ר לאנדעס דורך זיינע פיעלע עקספערימענטען אויף פערשיעדענע נערוועזע פאציענטען וועלכע ער פלעגט בעהאנדלען אין דיא גרעסטע האספיטעלער און וועלכע ער בעהאנדעלט שוין פאר אזוי פיעל יאהרען אין זיין אפיס האט עס פעסט בעשטעטיגט. דיא עקספערימענטען וואס ד׳ר לאנדעס האט געמאכט זיינען געווען אין דיא ריכטונג, וויא אזוי מענשען קענען געדיינקען געוויסע געגענשטענדע און איבערהויפט וויא אזוי דער זכרון פיהרט אן זיין ארבייט. דיא פעלד פון אויספארשונג איז זעהר רייך מיט בעווייזע און ארבייט פון פיעל אנדערע געלעהרטע. יעדער איינציגער האט פיעלעס אויפגעטהון. ד׳ר לאנדעס האט זיך איבערציינגט פיעלע מאהל דאס נערוועזע פאציענטען וועלכע האבען א שוואכען זכרון דערמאהנען זיך פיעלע זאכען אזוי שנעלל וויא צו זייער זכרון ווערט געבראכט א ווארט וועלכע דערמאהנט דעם ריכטיגען שייכות מיט דיא געשיכטע אדער זאך. ד׳ר לאנדעס וועט האבען מעהרערס וועגען דעריין צו זאגען אין זיין בוך „נערוועזע אמעריקא‘‘ וועלכע ער האלט יעצט אין שרייבען.

פון וואנעט שטאמט דער נאמען ,,סיפיליס‘‘ און וואס מיינט עס? אויב איהר האט עד היום געדיינקט דאס דער ווארט ענטהאלט אין זיך אן אבשייליכע בעדייטונג וועט איהר זיין אזוי גוט מוחל זיין און בייטען אייער מיינונג; דער ווארט ,,סיפיליס‟ איז א קאמבינאציאן פון צוויי גריכישע ווערטער און מיינט ,,א מענש וואס האט ליעב חזירים‘‘. דעם ערשטען מאהל ווען דער ווארט סיפיליס ווערט דערמאהנט אין ליטעראטור איז 1530, אין עס ווערט אויך ניט דערמאהנט דאנכט אין מעדיציניש ווערק זאנדערן אין א פאעמא. דער שרייבער פראנקאסטארא אין א פאעמא פון פאסטוך־לעבען בעשרייבט דאס לעבען פון דעלד פון דיא פאעמא ,,סיפיליס‘‘, וועלכער האט געליטען פון א קראנקהייט וועלכע פון בעשרייבונג קען מען לייכט זעהען איז געוועזן דיא קראנקהייט וועלכע איז יעצט בעקאנט אונטער דעם נאמען. אלזא קענט איהר לייכט זעהען דאס דער ווארט וועמען שיקזאל איז צו אנצורופען

דער מענש ענטוויקעלט זיך נאך דיא פערעיאדען,
און דר. לאנדעס קורירט נאך דיא נייעסטע מעטהאדען.

דיא גרויסזאמע קראנקהייט אין אן אונשולדיגער ווארט און האט נאך זיין בעדייטונג געמעגט געברויכט ווערען אפילו אין דיא בעסטע געזעלשאפט. ווי אלט איז סיפיליס? ווען האט עס זיך אנגעפאנגען צו פערשפרייטען? אין דעם אנגעלעגענהייט הערשען פערשידענע מיינונגען: איינינע זאגען דאס „סיפיליס" אין דיא פארמען וועלכע זיינען אונז יעצט בעקאנט האט זיך ערשט אנגעפאנגען פערשפרייטען אין 16טען יאהרהונדערט און ערשט אין דיא מעדיצינישע ליטעראטור פון דיא שפעטעריגע יאהרען ווערש עס בעשריבי זאין איינצעלהייטען. אנדערע צווישען זיי אויך ד״ר לאנדעס, בעהויפטען דאס סיפירים איז איינע פון דיא עלטסטע קראנקהי טען אויף דער וועלט.

עס ווערט דערמאהנט אין דיא ליטעראטור פון דיא אוראלטע צייטען: נאך דיא בעשרייבונגען פון דיא אלטע גריכישע און רוימישע שרייבער וועלכע דערמאהנען פון וואנדען וועלכע פערהיילען זיך ניט. וואנדען וועלכע פעראורזאכען שמערצען צום קערפער און נשמה, וואנדען דורך וועלכע דיא פלייש פאלט ארונטער פון דיא ביינער, קען מען בעשטעטיגען מיט זיכערהייט דאס דער „טייוועל" סיפילים, איז אויך צו יענע צייטען געווען אמינער פון דיא „מלאכי־חבלה", וועלכע פערביטערען און פערקימערען דאס לעבען פון דיא מענשען קינדער. ד״ר לאנעס איז געניינט צו גלויבען דאס דער פאל מיט „איוב" אין תנך איז אויך בלויז א פאלל פון סיפילים. ד״ר לאנדעס דיינקט דאס דיא מעשה מיט איוב'ן ביי ווען דער גאנצער קערפער ווערט בעדעקט מיט וואנדען, וועלכע בעדעקען איהם פון שפיץ קאפ ביז דיא פיס; ער געפינט זיך ניט קיין פלאץ און קיין רוה ניט ביי טאג און ביי נאכט. דיא יסורים זיינען אזוי גרויס דאס ער, דער וואס האט קיינמאהל זיך ניט בעקלאגט צו גאטט, זינדיגט און פרעגט גאטט קשיות. וויא איהר וועט אויסגעפונען פון קאפיטעל אין וועלכען דיא קראנקהייט גופא ווערט בעשריבען איז עס סיפילים אין דיא צווייטע סטופע, אדער א קראנקהייט וועלכע האט געמוזט זיין זעהר עהנליך דאצו. דיא פערשידענע אויסגראבונגען אין אז און דיא ענטעקונג פון סקעלעטאנען וועלכע געהערען צו פרעהיסטארישע מענשען צייגען וואנדען וועלכע

וואס זיינען די בעסטע צעהן זאכען אין דער וועלט
ד״ר לאנדעס צעהן ביכער וועגען טהרת הגוף והמשפחה.

זיינען זעהר עהנליך צו די וואנדען וועלכע מען געפינט יעצט אין סיפי־ליטישע פציענטען אין דיא דריטע סטופע. עס ווערט בעהויפטעט דאס דיא מומיען, דיא טויטע קערפער פון דיא עגיפטיאנער, וועלכע זיינע אלט טויזענדע יאהרען, איבערציינגען, דאס אויך צו יענע צייטע איז סיפילים געוועזן שטארק פערשפרייט.

דיא ליטעראטור, מעדיצינישע אזוי וויא היסטארישע פון כינא, מעקסיקא, אראביען, גריכענלאנד, רוים, דיא הייליגע שריפטען פון דיא אידען ענטהאלטען בעשרייבונגען פון אקראנקהייט וועלכע נאך אללע סמנים שיינט אוים צו זיין סיפילים.

פלאוויס יאזעפוס, דער בעריהמטער אידישער היסטאריקער אין זיינע ביבער, „דיא אלטערטהום פון דיא אידען'' 17 טער בוך, זעקסטער קאפיטעל בעשרייבענ.יג דיא טויט פון אידישען קעניג הורדוס פערציי־בענט אויך דיא קראנקהייט פון וועלכע ער איז געשטארבען. דיא בע־שרייבונג ערינערט אויך א פאלל פון סיפילים און דר' לאנדעס גיעבט דא איבער דיא פרייע איבערזעצונג דערפון: „צו יענער צייט איז הורדוס געזונד צושטאנד שטארק פערשלימערט געווארען און דאס איז געוועזן גאט'ס שטראף פאר זיינע זינד: א פייער האט געברענט אין זיין קער־פער, וועלכען מען האט גיט געקענט שטארק בעמערקען אדער פיהלען אויסען קערפער, עס האט איהם אבער פעראורזאכט אונערטרעגליכע אינערליכע שמערצען. דיא היטץ האט פעראורזאכט אזא אפעטיט וועלכען ער האט ניט געקענט שטילען מיט קיינע עסענווארג. זיין מויל און גומען, און דער פערדייאונגס סיסטעם איז געוועזן פערוואנדעט; דיא גרעסטע שמערצען פלעגט ער ליידען אין דיא קישקעס; אדורכזיכ־טיגע, וואסערדיגע, פליסינקייט האט זיך אנגעקליבען ארום זיינע פיס און ארום זיין בויך. זיין „רעקטום'' איז געוועזן פערפוילט און דארטען האבען זיך געפונען ווערים; ער האט ניט געקענט אטהעמען; ווען ער פלעגט זיצען, איז זיין אטהעמען געוועזן זעהר שנעלל און האט שטארק געשטונקען, ער האט געהאט קאנוואלסען איבער דעם גאנצען קערפער. עס איז געזאגט געווארען ביים מענשען וואס וויסען, דאס גאט האט איהם געשטראפט פאר זיין ניט פרום''.

די נערוועז פון מענשען האבען א טעלעגראף־סיסטעם,
דר. לאנדעס בעהאנדלונג איז גוט און בעקוועם.

דר׳ לאנדעס דיינקט, דאס דיא סימפטאמען זיינען דיא צייבענס פון א שארפען אטאק פון סיפילים אויף דעם מאגען און דיא געדערים.

דיא אפיציעלע אנערקענונג פון דיא קראנקהייט פאנגט זיך ערשט אן אין ענדע פון 15 יאהר הונדערט ווען עס האט אויסגעבראכען אין פיעלע יוראפייאישע לענדער אלס גרויסע עפידעמיעס. דר לאנדעס דיינקט דאס דיא קראנקהייט האט טאקי עקסעסטירט ביז פריהער, נור אין אזעהר מילדע פארמע. צו יענער צייט האט עס זיך אריינגעריסען אין אייראפא וויא אווילדע חיה צווישען שעפסעלאך און האט געריסען רעכטס און לינקס. דיא מעדיצינישע רעקארדען פון יענע צייטען בעשרייבען דיא חאראקטערישע סימפטאמען פון דער קראנקהייט. דיא קראנקהייט אין איהר עפידעמישע פארמע האט אנגעהאלטען פאר דרייסיג יאהר און מיט אמאהל איינגעשטילט געווארען. אבער וויא עס ווערט בעהויפטעט איז דיא קראנקהייט אריינגעבראכט געווארען אין אייראפא פון אנדערע וועלט טהיילען דורך געשעפטס־פערבינדונגען עטוואס וואס לייגט זיך אויפ׳ן שכל.

יעדע נאציאן רופט דיא קראנקהייט מיט דעם נאמען פון דיא אנדערע נאציאן. יעדע איינע איז מוחל דעם כבוד און דאנקט אפ פאר דיא אויסצייכנונג פון זיין דיא ערשטע ביי וועלכע עס האט אנגעפאנגען דיא איטאליענער רופען עס, פראנצויזישע קראנקהייט, „פראנצויזישע פאקען״, „בראנישע פאקען.״ דיא דייטשען רופען עס אויך דיא „קראנקהייט פון דיא פראנצויזען״. דיא פראנצויזען ווידער, האבען דערפאר צווישען אנדערע נעמען אויך דעם נאמען „דיא קראנקהייט פון נייפעלעס״ (אשטאדט אין איטאליען), אנצייגענדיג דאמיט אין אן איידעלען אופן פון וואנען דיא קראנקהייט שטאמט. אנדערע רופען עס „אמעריקאנער קראנקהייט״, עס ווערט אזוי גערופען, ווייל דיא קראנקהייט האט אויסגעשפראכען אין עפידעמישע פארמע אפאאר יאהר שפעטער, וויא אמעריקא איז ענטדעקט געווארען, און מען בעהויפטעט דאס דיא קראנקהייט איז געוועזען דער רעזולטאט פון געשלעכטליכען פערקעהר צווישען דיא פערשידענע ראסען.

דיא איטאליענער און פראנצוזען זיינען יעדענפאלס דיא וועלכע

דעם מאגען, דעם לעבער און אנדערע טהיילען,
קען דר. לאנדעס זיכער אויסהיילען.

ווערען דערמאהנט דיא ערשטע פעלקער ביי וועמען דיא קראנקהייט האט צוערשט אויסגעבראכען אין עפידעמישע פארמע. דער היסטאריקער וויגא וועלכער האט געלעבט אין 1460 ביז 1517 בעשרייבענדיג דיא מלחמה צווישען איטאליען און פריינקראך, שרייבט דאס נאכדעם וויא טשארלס דער קעניג פון פריינקראך, האט בעלאגערט דיא שטאדט נעאפאל האט אויסגעבראכען א שרעקליכע מגפה פון סיפיליטישע קראנקהייטען צווישען ביידע פעלקער. עד היום בעשולדיגט נאך איין נאציאן דיא אנדערע, אין בעהויפטענדיג דאס דיא אנדערע איז געוועזען דער פעראורזאכער. איין זאך איז זיכער דאס דיא מלחמות זיינען געוועזען איינע פון דיא וועגען וויא דיא שוידערליכע קראנקהייט האט זיך פערשפרייט איבער דיא גאנצע וועלט.

אין סקאטלאנד אין 17 יאהרהונדערט האט אויסגעבראכען איין אנשטעקינגע ווענערישע קראנקהייט וועלכע איז געוועזען בעוואסט אונטער דעם נאמען „סיבבענס". עס האט אנגעמאכט א גרויסען חורבן אין לאנד און עס איז געוועזען וויא מען דיינקט נאך דיא בעשרייבונגען אן עפידעמישער אויסברויך פון סיפילים. דיא עפידעמיע האט אויסגעבראכען נאכדעם וויא קראמוועלוס סאלדאטען האבען בעזוכט און זיך אויפגעהאלטען אין סקאטלאנד פאר אלענגערע צייט.

דיא זעלבע האט פאסירט נאך יעדע גרויסע מלחמה וועלכע האט שטאט געפונדען אין דיא מיטעל עלטער און שפעטער: אזוי ווערט פערצייכענט עפידעמישע אויסברוכען אין שווידען און נארוועגיען נאך און קורלאנד האבען געליטען פון אגרויסע עפידעמיק דיא לעצטע העלפט פון 18 טען יאהר הונדערט, וועלכע איז פעראורזאכט געווארען ביי דיא רוסישע סאלדאטען, וועלכע האבען איינגענומען דיא לענדער.

דאס זעלבע פאסירט אויך ווען גרויסע מאססען פון מענשען וואנדערן אדער געהען פון איין געגענד צו אנאנדערן צו זוכען ארבייט.

(איינצעלהייטען וועגען דעריין אין קאפיטעל: וויא סיפיליס ווערט פערשפרייט.) עס איז אינטערעסאנט צו בעמערקען, דאס צוערשט איין

לעזט און פערשפרייט דר. לאנדעס ביכער
און צייטשריפט „געזונד און לעבען".

סיפילים זאגאר ניט געווען פאר רעכנט אלס א קראנקהייט וועלכע קומט דורך געשלעכטליכען פערקעהר. בענוועגוטא סעלליני, א שרייבער וועלבער האט געלעבט פון 1500 ביז 1570, שרייבענדיג וועגען דיא קראנקהייט זאגט אויף אן אונשילדיגען אופן: „אין רוים איז דיא קראנקהייט שטארק פערשפרייט צווישען דיא פריסטער (געטליכע) און איבערהויפט צווישען דיא רייכסטע פון זיי.“

אינטערעסאנט פון היסטארישען שטאנדפונקט איז אגעוויסער עדיקט (געזעץ) ארויסגעגעבען פון דיא פרייווי קאנסול פון עדינבורג אין 15 טען יאהרהונדערט. דיא קראנקהייט וועגען וועלכע דיא פערהיטונגס מיטלען זיינען אנגענומען געווארען איז געווען בעקאנט אונטער דעם נאמען „גרעננאר“, איז געווען דאס זעלבע וואס סיפילים. דיא „פרייווי קאנסיל“ האט ארויסגעגעבען וואס זיי האבען גערופען „גרעננאר עקט“; דער געזעץ האט געפאדערט און בעפאהלען אללע איינוואהנער פון עדינבורג וועלכע ליידען פון דיא קראנקהייטען זיך צוגויף קלייבען אין אבעשטימטען טאג און שטונדע אויפ'ן ברעג פון מייך „לעיטה“. און פון דארטען וועט מען זיי אוועקפיהרען מיט א שיף צום אינזעל „אינטסקעיטה“. וויא עס צייגט זיך אויס, האט מען דיא קראנקהייט ניט געקענט אויסראטהען און דיא עלטסטע פון שטאדט האבען זיך געחאפט צו מיטלען וועלכע זיי האבען געדיינקט וועט ארויסרייסען דיא קראנקהייט מיט דיאווארצלען.

דר' לאנדעס, וויל דא בעמערקען, דאס דיא פרייווי קאנסול פון עדינבורג אבוואהל זיי האבען ניט געוואסט וויא אזוי אויסצוראטהען דיא קראנקהייט האבען אבער ריכטיג פערשטאנען דיא אנשטעקינגקייט דערפון און האבען גענומען דיא בעסטע מיטלען אין זייער קראפט עס צו אויסראטהען. אונזערע געזעץ געבער און פובליק מענער מעגען זיך נעהמען א לעססאן פון זיי. סיפילים, רויבט היינט פערהעלטניסמעסיג און פראפארציאנעל מעהר קרבנות וויא א מאהל און דאך קומט קיינער ניט ארויס, מיט א פולען מויל זאגען וואס מען דארף זאגען און צעהען בעאיינפלוסען דיא פובליק זיא זאהל טהון וואס זיי דארפען טהון.

דריטער קאפיטעל.

געאָגראַפישע, קלימאַטישע אָון עקאָנאָמישע אַומשטענדען

געוויסע געגענדען ליידען פון געוויסע קראנקהייטען. פיעלע
קראנקהייטען זיינען זאגאר אויסשליסליך דיא „מכות מדינה” פון
א בעשטימטע וועלט טהייל. דיא אורזאכען דאפיר זיינען פארשידען.
למשל „מאלעריע’’ איז א קראנקהייט פון אללע געגענדען וועלכע
זיינען נידעריג, און פייכט; אבער זעלטען ווען עס נעהמט אן איין עפי־
דעמישע און געפעהרליכע פארמע אין יוראפייאישע לענדער. איינצעלנע
פעלער ברעכען אויס א מאהל אין א נאווינע אין אייראפא אבער זיי
ווערען לייכט קאנטראלירט און זאגאר אויסגעהיילט. אין טראפישע
(ווארימע) לענדער זיינען דיא פעלער גאנץ אפט, זיינען פיעל שטריינ־
נער אין פארם און ענדיגט זיך פאטאל. טעטאנוס, אדער „לאק־דזשא’’,
דיא קראנקהייטען וועלכע בעשטעהט אין דעם דאס דיא מוסקולען
איבער דעם גאנצען קערפער ווערען שטייף, איבערהויפט דיא מוסקולען
וועלכע פערמאכען דיא מויל, זיי ווערען אזוי שטייף דאס ביי א פא־
ציענט וועלכער ליידעט פון דיא קראנקהייט קען מען פאר קיין פאל
ניט עפענען דיא מויל. דיא קראנקהייט, וועלכע פלעגט זיין און איז
נאך אין געוויסע טהיילען פון לאנד אזעהר אפטער גאסט אין אמעריקא
אין „פייער־קרעקער סיזאן’’ פון אנפאנג דזשוני ביז נאך דעם 4 טען
דזשולי ווערט פעראורזאכט ביי א מיקראב וועלכער געפינט זיך אין
דער ערד, געפינט זיך איבער דעם גאנצען ערד קוגעל דער מיקראב
חאפט זיך אריין אין א וואנד, פערמעהרט זיך און גיעבט ארויס א ניפט
וועלכער ווערט פערשפרייט איבער דעם גאנצען קערפער. פון דעסטוועי־
גען פאסירט ניט דיא קראנקהייט אזוי אפט און איז ניט אזוי געפעהר־
ליך וויא אין געוויסע טהיילען פון נארטה אמעריקא וויא לאנג־איילענד

דער "נערוועזער יאהרהונדערט”, דר. לאנדעס נייער בוך
וועט קירצליך ערשיינען.

און געוויסע טהיילען פון נירדזשארדסי. עס איז שווער צו דערקלעהרען ווארום עס איז אזוי, אבער אין יענע געגענדען מוזען מענשען זיין פארזיכטיג מיט דעם קלענסטען שניט, אז ניט קען עס זיך ענדיגען זעהר ערנסט. דיא זעלבע איז מיט „לעפראס" (קרעץ): אין אמעריקא הערט מע, זעהר זעלטען פון אזעלכע קראנקע, אבער דערפאר אין כינא און אזיאטישע רוסלאנד זיינען דא זעהר פיעלע פעלער, דאגעגען אבער זיינען דא קראנקהייטען וועלכע געפינען זיך אויסשליסליך אין געוויסע געגענדען, וויא דיא „שלאף־קראנקהייט" אין מענשען פאמיליע און „טעקסאס־טיעק" אין קיה און אקסען. פעלער פון שלאף־קראנקהייט ווערען כמעט אויסשליסליך געמאלדען פון געוויסע געגענדען אין מזרח אפריקא. אין אנדערע געגענדען און וועלט טהיילען איז עס אין גאנצען אונבעקאנט. „טעקסאס־טיעק פיבער" איז א קראנקהייט וועלכע אטאקירט בהמות און מאטערט און מאגערט זיי אזוי אויס דאס זיי טויגען אפילו ניט פאר פלייש, געפינט זיך בלויז אין 4 אדער פינף סטייטס אין וועסט און סויטה וועסט. אין אנדערע סטייטס פון אמעריקא ווייס מען ניט דערפון סיידען זיי ווערען אריינגעבראכט דורך אנגעשטעקטע בהמות, און אויך דאן האבען זיי קיין גרויסע שליטה. אלזא יעדע וועלט טהייל יעדע לאנד, האט זיך אחוץ דיא קראנקהייטען מיט וועלכע דאס גאנצע וועלט ליידעט אייך ספעציפישע קראנקהייטען, אדער דיא אלגעמיינע קראנקהייטען אין מילדערע אדער שטרענגערע פארמען וויא אנדערע.

סיפיליס און אללע אנדערע ווענערישע קראנקהייטען זיינען פערשפרייט איבער דער גאנצע וועלט כמעט אהן אויסנאהמע. ד״ר לאנדעס וועט זיך דא ניט אריינלאזען אין איינצעלהייטען וועגען דיא קראנקהייטען אין אלגעמיין. פיעל אינטערעסאנטע און וויכטיגע לעזע־שטאף וועגען דיא אנגעלעגענהייטען קענט איהר געפינען אין דר׳ לאנדעס „מאן און פרוי", „זינד געגען דיא נאטור", „דער פערפיהרטער". אבוואהל דיא וועגערישע קראנקהייטען לאזען ניט אויס קיינע שיכטע פון געזעלשאפט דאך זיינען זיי שטרייגגער און פיעל מעהר פערשפרייט צווישען דיא קלאסע מענשען ביי וועמען דיא מאראלישע בעגריעפע זיינען זעהר שוואך, וועלכע

דר. לאנדעס וועט באלד ארויסגעבען דיא איבערזעצונג פון „דעמעדזשד גודס", די וואונדער־דראמא.

וויסען ניט אדער ווילען ניט וויסען פון קאנטראלירען זייער געשלעכטליכע געפיהלען און וועלכע זיינען ניט ציכטיג און זויבער אין זייער געשלעכטליכען לעבען. אין פיעלע ביכער און טראקטאטען מעדיצינישע און אויך אנדערע ווערט בעהויפטעט דאס דיא אנשטעקענדע ווענערישע קראנקהייטען זיינען מייסטענס דיא קראנקהייטען פון דיא ארעמע קלאסען צוליעב דיא איינגשאפט און שמוץ אין וועלכע זיי לעבען. דר' לאנדעס, און ווער נאך וויא ער וועלכער בעהאנדעלט אזוי פיעל מענשען יעהרליך אין זיין אפיס, פאר דיא לעצטע 25 יאהר רייך און ארעם, ארבייטער און באס, וויים אזוי גוט דאס פיעלע אומשולדיגע ארעמע ארבייטער ווערען אנגעשטעקט מיט העסליכע קראנקהייטען בלויז דורך איינגשאפט און שמוטץ און פיעלע מאהל דורך אבערגלויבען. דר' לאנדעס וויים עס גאנץ גוט און ווידמעט זיינע פרייע צייט צו שרייבען ביכער וועלכע מאכען זיי פערשטענדיג און פערניפטיג.

דר' לאנדעס פון זיין אייגענע פראקטיק און פון דיא ערפאהרונג פון אנדערע וויסען עטוואס אנדערש אויך: נעמליך, דאס פערהעלטניס מעסיג זיינען דיא רייכע מעהר אנגעשטעקט מיט דיא העסליכסטע קראנקהייטען וויא דיא ארעמע, און ביי דיא רייכע קומט עס כמעט יעדע מאהל פון ניט ארענטליכען געשלעכטליכען פערקעהר און אויסגעלאסענהיים. נור אזא מזל האט שוין אן ארעמאן! אפילו זיין שאנדע און שמאך ווערט צוטראגען אויף דיא פינגער און דאמיט שיט מען זאלץ אויף זיינע וואנדען. דר' לאנדעס, דער פריינד פון אלע מענשען, ארעם אזוי גוט וויא רייך האט דא געפונען די געלעגענהייט אויסצוואגען זיין גערעכטען מיינונג אין דיא אנגעלעגענהייט און רייניוואשען דעם נאמען פון דיא ארעמע.

דר' לאנדעס דערמאהנט זיך א כאראקטעריסטישען ביישפיעל ווען איינער פון דיא בעריהמטסטע ניויארקער דר, האט זיך ניט ווילענדיג אויסגעשפראכען דיזעלבע. געוויס, געדיינסט איהר וויא מיט אפאאר יאהר צוריק האט זיך געקערט וועלטען מיט א לעפער (קרעציגער)

א געוויסער אויסגעדיענטער סאלדאט פון דער אמעריקאנישער ארמיע וועלכער האט געקריגען דיא קראנקהייט אין די פיליפינישע אינזלען.

דר לאנדיעס איז גרויס אין שרייבען;
אויך קראנקהייטען קען ער זיכער פערטרייבען.

ער איז געקומען צוריק פון זיין מיליטער דיענסט פאלקאם געזונד, אבער א קורצע צייט שפעטער האט דיא קראנקהייט אויסגעבראכען אויף זיין קערפער. פון דעם טאג האבען זיך אנגעפאנגען זיינע יסורים. צווערשט האט ער ניט געהאט קיין מנוחה, אזוי וויא דער „יהודי הנצחי" דער „עוויגער יודע", אין דיא קריסטליכע לעגענדען, האבען איהם דיא העלטה אויטאריטעטען געשיקט פון איין סטייט צום אנדערען. צולעצט האט מען איהם פערשפארט אין א הויז און קיינעם ניט דערלאזען צו איהם אפילו זיין אייגען ווייב און קינד. א קאמיסיאן פון גרויסע מעדיצינישע אויטאריטעטען און באקטעראלאגען זיינען צונויפגעקומען, און וויא געוואהנליך, נאך לאנגע דיסקוסיאנען זיינען זיי ניט געקומען צו אן איינשטענדיגען בעשלוס. עד היום זיינען נאך דא פיעלע דאקטוירים וועלכע בעהויפטען און איבערצייגען דאס „לעפראזי" איז ניט אנשטעקענד. אין דיא היטץ פון דיא ארגומענטען, האט זיך א בעריהמטער פראפעסאר ארויסגערעדט: „איך קען אייך איבערצייגען דאס „לעפראזי" איז ניט מעהר אנשטעקענד וויא אנדערע אנשטעקיגע קראנקהייטען, און נאך אפשר ווינציגער, איך אליין האב אלס פאציענטען פיעלע פון דיא רייכסטע און פראמינענטסטע מענער פון ניויארק, באנקירער און וואל סטריט מענער וועלכע געהען ארום אין דיא גאסען, פערקעהרען אין געזעלשאפט, קיינער פערדעכטיגט זיי אפילו ניט און איך ווייס פון קיין איינציגען פאל פון אנשטעקונג וואס זיי האבען פעראורזאכט".

פערגלייכט דיא בעהאנדלונג פון דעם ארעמען סאלדאט, וועמען מען האט בעהאנדעלט אזוי וויא ער וואלט געהאט קינ'ס צייכען אויפ'ן שטערען, און דיא בעהאנדלונג פון דיא רייכע וועלכע דער פראפעסאר בעהאנדעלט מיט „זיידענע הענדשקעס", און איהר וועט לייכט פערשטעהן דאס דר' לאנדעס איז גערעכט מיט זיינע בעהויפטונגען און טהוט דיא ריכטיגע זאכען אין דערצעהלען זיינע ערפאהרונגען און אויך דיא ערפאהרונגען פון אנדערע.

דר' לאנדעס וועט דא איבערגעבען אקורצען איבערבליק פון דיא אומשטענדען וועלכע הערשען אין פערשידענע וועלט טהיילען און לענדער. דר' לאנדעס' לעזער וועט געוויס פיעל מעהר אינטערעסירען דיא

אין בעהאנדלען קראנקע פערברענגט דר. לאנדעס זיין לעבען
זיי צו רעטען און העלפען איז זיין ציעל און שטרעבען.

פאקטען פון דיא מעהר ציוויליזירטע וועלט טהייקען, אויסער דעם גיעבט עס אויך בעסערע און מעהר פערטרויבארע אינפארמאציאנען פאר דיעזע לענדער. אבוואהל דר׳ לאנדעס, איז קיין מאראל פרעדיגער, דאך געפינט ער עס פאר וויכטיג: צו בעמערקען דאס טהרת הגוף, הנשמה והמשפחה האבען אסך צו זאגען אויף דיא פערשפרייטונג פון סיפילים. (אללע דר׳ לאנדעס ביכער, און זיין צייטשריפט „געזונד און לעבען״ בעהאנדלען א ל ל ע ס וואס אנבעלאנגט צו טהרת הגוף הנשמה והמשפחה.) אויב איהר וועט אויפמערקזאם נאכפאלגען דיא פאלגענדע שורות וועט איהר עס אויך אויסגעפונען.

פון אללע יוראפייאישע לענדער דעם ערשטען פלאץ אין דעם הינזיכט פערנעהמט פראנקרייך. געוויסע מאסען לייקענען עס דיא פראנצויזען אפ, אבער פון אמת איז שווער אוועקצונעהן. דיא פערקלענערטע צאהל פון געבורטען, דער צאהל פון פריהצייטיגע געבורטען, דיא עפענטליכע רעדען אזוי ווייט וויא מעגליך, פון בראווע סטאטס מענער און עקספערטען אין פאלק׳ס געזונד אנגעלעגענהייטען זיין מודה איבער געוואלט. נאך דיא פערשידענע סטאטיסטיקס פון האספיטעלער און פריוואט דאקטוירים, איז צו זעהען דאס פראנקרייך איז אין דיא צוואנגען פון „א וואמפיר״, וואס האלט אין זויגען איהר בעסטען בלוט און, וועלכער רויבט איהר פון איהר בעסטען קראפט. דיא יונענד, דיא האפענונג פון יעדע לאנד. פעסימיסטען זאגען זאגאר, דאס פראנקרייך איז אויף איהר וועג צום זיכערען אונטערגאנג און עס איז בלויז אפראגע פון א יאהר הונדערט און דיא נאמען דיא פראנצויזען וועט איבערבלייבען אלס היסטארישע קיוריאזיטעט.

ענגלאנד איז אויך פערפעסטעט מיט דיא קראנקהייט און אין געוויסער מאססען נאך מעהר וויא פראנקרייך. דיא אורזאכע דערפון איז דאס ענגלאנד איז אן אינדוסטריעלע לאנד, א לאנד פון פיעלע גרויסע פעקטאריעס וועלכע קאנצענטרירט פיעלע מענשען אין איין פלאץ, וועלכע נויטיגט זיי צו לעבען אין איינגשאפט און אונטער אוננארמאלע אומשטענדען. דער שטאדט לעבען אין אלגעמיין איז זעהר נינסטיג פאר׳ן פערשפרייטען פון דיא קראנקהייט ערשטענס דער לע־

דר. לאנדעס בוך „בוים פון לעבען״, פריי.
שיקט א סטעמפ און אייער אדרעססע.

בען נאהנט איינער צום אנדערען, דיא שטארקע געטרענקע און אויסגעלאסענהייט וועלכע זיינען דיא הויפט שלוחים: אין פריינקרייך דאגעגען אחוץ פאריז, און דיא גרויסע שטעדט זיינען דאס מעהרסטע מענשען ערד ארבייטער און ווערען, ניט אנטערווארפען צו אזוי פיעל געלעגענהייטען און מעגליכקייטען וויא דער שטאדטישער מאן. דיא רעזולטאטען קענען אבער ניט אזוי בעמערקט ווערען אין ענגלאנד וויא אין פריינקרייך. ענגלאנד האלט אימער אין איין קריגען איינוואנדערער, מענשען געזונד קערפערליך און גייסטליך וועמעס בלוט איז קרעפטיג זיך צו ראנגלען מיט דיא קראנקהייט. און אבוואהל דיא קראנקהייט איז שטארק פערשפרייט דאך קריעגט עס ניט דיא אויבערהאנד.

דייטשלאנד איז איינע פון דיא לענדער וועלכע בעהויפטעט דאס זיי זיינען ניט שטארק געפלאגט מיט דיא קראנקהייט. נור אין מעדיצינישע וועלט, ווערט אין דעם שטארק געצווייפעלט. אויף דייטשלאנד דארף מען קיין קשיות פרעגען. דער עולם פאלגט דארטען דיא געזעצען בוכשטעבליך, און מאמיר הייסט דיא רעגיערונג עפעס ניט פערעפענטליכען ווערט עס אויך געטהאן. דייטשלאנד האט זיך ליעב אויסצוצייכענען. וויא דאקטוירים אין אמעריקא בעהויפטען און וויא דר' לאנדעס ווייס פון זיין אייגענע פראקטיק אין זיין אפיס, פאר דיא לעצטע 25 יאהר אויך פון זיין פראקטיק אין ניויארקער האספיטעלער זיינען דיא דייטשען אזוי מסוגל וויא אנדערע צו ווערען אנגעשטעקט און פיעלע פון זיי האט דר לאנדעס בעהאנדעלט און אויסגעהיילט.

אין דענעמארק, נארוועגען און שוועדען איז סיפילים זעהר שטארק פערשפרייט, עס איז אויך קיין וואנדער ניט. דיא אויסגעלאסענהייט אין יענע לענדער איז זעהר גרויס, אבוואהל דיא וועלט רעדט ניט העלפט אזוי פיעל פון זייערע מדות וויא וועגען פריינקרייך. דיא פראנצויזען האבען שוין א חזקה אויף אויסגעלאסענהייט! אבוואהל אין קיין אייראפייאישע לאנד ווערען דיא קינדער ניט אזוי פריה געשלעכטליך רייף ווי אין יענע לענדער און ווערען אזוי לייכט פערדארבען וויא דארטען. הערשענדע אומשטענדע; וועט דר' לאנדעס איבערגעבען דיא ווערטער פון א נארוועגישען שרייבער אין איינעם פון זיינע נאוועלען:

ווען דר. לאנדעס בעהאנדעלט און קורירט,

דאן איז דיא היילונג זיכער גאראנטירט.

„די״א קינדער ביידע געשלעכטער געמישט געהען ארויס אין די״א וועלדער, און ווען זיי קומען אין וואלד צוטהיילען זיי זיך אין פאארלאך און...“

רוסלאנד, איז פארפלייצט מיט סיפילים. די״א סטאטיסטיקס און רעקארדס צייגען שוידערליכע געשיכטען; אבער זיי דערציילען ניט אפילו א צעהנטעל חלק פון דעם אמת. אין רוסלאנד, וואו די״א אייגענע מעדיציינישע הילפע פאר פיעלע הונדערטע מיילען איז פיעלע מאהל בלויז א פעלדשער אדער אן אלטע פרוי וועלכע שפרעכט אללעס אפ, זיינען קיינע ריכטיגע בעוויזע וועלכע צייגען די״א ריכטיגע אומשטענדען. אין 1895 זיינען פערעפענטליכט געווארען סטאטיסטיקס, וועלכע האבען געצייגט וויפיעל קראנקע זיינען בעהאנדעלט געווארען דורכשניטליך אין די״א יאהרען 1894—1889.

דער דורכשניטליכער צאהל האט געצייגט וויא פאלגענדעס:

צווישען יעדע מיליאן איינוואהנער זיינען בעהאנדעלט געוואהרען

אויף פערשידענע קראנקהייטען	420—4270
אויף סיפילים	700—10.300

דער בייטענדער צאהל פערזאנען דער מיליאן איז געווען אבהענגיג פון די״א עקאנאמישע, היגיענישע אומשטענדע פון רוסישע גובערניעס פראווינצען וועלכע זיינען ניט גלייך אין אללע געגענדען. אין דעם גרויסען צאהל פון די״א סיפיליטישע קראנקע, ווערען ניט אריינגערעכענט די״א קייסעס וועלכע זיינען ניט אונטערזוכט געוואהרען ביי דאקטוירים, אויך די״א פיעלע פעלער אין וועלכע קומען אום אהן צו דיאגנאזירט ווערען אלס סיפילים פעלער.

אין די״א באלקאנישע לענדער סערביען, בולגאריען, רומעניע און די״א אנדערע פראווינצען איז עס זעהר פערשפרייט. אכפנים דער ניט היגיענישער לעבען, דער אונמעסיגער טרינקען פון שטארקע געטרענקע, מאכט די״א סלאווישע פעלקער א לייכטע קרבן צו די״א קראנקהייט. דער בעריהמטער לאמבארד, אין איינע פון זיינע ווערקע זאגט זאגאר דאס יעדער איינציגער אין רומעניען איז אנגעשטעקט מיט סיפילים. דאס איז שוין אביסעל איבערטריבען אבער א שטיק אמת שטעקט דאך דעריין.

ד״ר. לאנדעס ביכער: ״דער פערפיהרטער״, ״קערפער און זעעלע״, „טהרת המשפחה״.

עס איז וואנדערבאר און מערקווירדיג, דאס צווישען דיא פעל־קער וועלכע רוסלאנד האט איינגענומען און וועלכע זיא מאטערט זיך מיט אללע כוחות צו ציוויליזירען און רוסיפיצירען, וויא דיא באשקירען און טאטארישע שבטים וועלכע בעוואהנען דיא רוסישע סטעפעס איז סיפיליס אזוי וויא אנדערע וועגערישע קראנקהייטען אזעהר זעלטענע ערשיינונג. עס ווערט בעהויפטעט אין דיא מעדיצינישע ליטעראטור פון גרויסע אוטאריטעטען דאס דיא אורזאכע דערפון איז, דאס ביי דיא יענע שבטים זיינען דיא בעגריעפע וועגען מאראל אזוי ערהויבען, ריין און זויבער, דאס דיא „ציוויליזירטע" פעלקער וואלטען זיך מעגען נעה־מען א לעססאן ביי דיא שבטים וועלכע פערברייננען כמעט זייער גאנ־צען לעבען אין פרייען לופט רייטענדיג אויף פערד. דיא צווייטע אור־זאכע, דאס דיא פרויען פון יענע פעלקער קומען ניט אין בעריהרונג מיט מענער פון אנדערע פעלקער עס ווערט זאגאר בעהויפטעט, דאס א פרוי וועט זיך ניט לאזען אנריהרען מיט'ן האנד ביי א מענשען פון קאווקאזער ראסע, פאר קיין געלד.

אזיע ליידעט אויך פון דיא קראנקהייט. אין פיעלע געגענדען ווערט דיא קראנקהייט געפונען אין א מילדע פארמע, אין אנדערע געגענדען אין א זעהר שטרענגע פארמע. אין אזיאטישע טערקיי, וועלכע ווערט אפט בעזוכט און האט א בעפעלקערונג פון יוראפייאישע מענ־שען ווערט דיא קראנקהייט געפונען אין דיא זעלבע פארמע וויא אין אייראפא. אין יאפאן, אבוואהל דיא קראנקהייט איז שטארק פער־שפרייט אבער אין א זעהר מילדע פארמע. דארטען איז עס איבער־הויפט די קראנקהייט פון דיא מיטעל קלאס. כינא, אין דעם הינזיכט איז נאך כמעט ערגער וויא רוסלאנד. דיא קראנקהייט ברעכט דארטען אויס שטרענגע עפידעמישע פארמען צו פערשידענע צייטען. עס ווערט בעהויפטעט, דאס ווען דיא כינעזער וואלטען ניט געוועזן אזוי אנגע־שטעקט מיט סיפיליס און זייער געזונד אזוי רואינירט דערמיט, וואל־טען דיא פאלגונגען פון דיא הונגער־יאהרען קיינמאהל ניט געוועזן אזוי געפעהרליך און טרויעריג וויא זיי זיינען יעצט. דיא לעזער דערמאהנען

ווען איהר וועט דר. לאנדעס אדרעססע געדענקען,

וועט ער אייער פערלארענע קראפט אייך שענקען.

זיך דאך געווים, דיא הונגער יאהרען, וועלכע פאסירען אין כינא אזוי אפט אין וועלכע מענשען פאללען וויא פליעגען און גאנצע פראווינצען ווערען פערניכטעט. אינד ע, אזוי אויך דיא אללע ענגלישע קאלאניעס אין אפריקא און אנדערע וועלט טהיילען, זיינען אנגעשטעקט מיט סיפילים. דיא ענגלישע סאלדאטען וועלכע האלטען אווף דיא ארדענונג אין יענע געגענדען האבען פערפעסטעט דיא פלעצער וואו זיי זיינען געקומען. (דר׳ לאנדעס בוך די״א ,,אויסגעלאסענע וועלט״, וועט איהר געפינען אינטערעסאנטע בעשרייבונגען וויא אזוי דיא ענגלישע סאלדאטען האבען פערשפרייט ווענערישע קראנקהייטען אין פערשידענע וועלט טהיילען). ניט אין קיין בעסערע אומשטענדען זיינען דיא קאלאניעס פון אנדערע ציוויליזירטע פעלקער, וועלכע זיינען געקומען פערשפרייטען ציוויליזאציאן און האבען צ ערשט פערשפרייט אללע חסרונות פון ציווילייזירטען לעבען איידער מעלות האבען נאך געבליבען וועלכע כ׳איז ווארצלען. אויסטראליע איז פערהעלטניסמעסיג פריי. און דיא פעלער וועלכע קומען צו דיא מעדיצינישע אויפזיכט זיינען פערהעלטניס מעסיג זעהר מילד.

וועגען די״א עקסעסטירענדע אומשטענדען און דיא פעראייניגטע שטאטען פון אמעריקא וואלט דר׳ לאנדעס פון זיינע אייגענע ערפאהרונג אליין געקענט אנשרייבען א גאנצען בוך. דר׳ לאנדעס בעריהרט דיא פראגע נאך א מאהל אין זיין בוך ,,דיא אויסגעלאסענע וועלט״ וואו ער וועט ברייננען פיעלע סטאטיסטיקס און פאקטען וועגען דעריין. דא וועט דר׳ לאנדעס זיך בעגניגענען מיט אלגעמיינען איבערבליק.

אן אמעריקאנער פראפעסאר ריידענדיג איין מאהל פאר מעדיצינישע אוטאריטעטען וועגען פערשידענע מיטלען וויא אויסצוראטהען סיפילים, האט זיך אויסגעדריקט אין א האלב לאכענדיגען, האלב ערנסטען טאן: ,,עס איז שווער צו פערהיטען סיפילים אין א לאנד, וואו כמעט יעדער איינציגער איז מעהר אדער ווינציגער אנגעשטעקט דאמיט״. דיא בעהויפטונג קען זיך אויסווייזען מגוזם׳דיג אבער עס איז ניט אזוי. אמעריקא איז אין דיא הענד פון דעם טייוועל, וועלכער טהוט מיט איהר וואס ער וויל. ער פערהונגליקט פרויען, ער ברייננגט אום

דר. לאנדעס חיילט מענער און נערווען קראנקהייטען
פאר די לעצטע פינף־און־צוואנציג יאהר.

מענער, ער טויטעט קינדער און עס איז דערוויל ניטא קיינער וועלכער זאל זאגען: האלט, הערר אויף צו טהאן דיינע צושטערענדע ארבייט. פון דיא ערפאהרונגען פון דיא פיעלע האספיטעלער און פריוואט דאקטורים פון זיינע אייגענע ערפאהרונגען ווייס דר׳ לאנדעס דעם צושטאנד אין זיינע ריכטיגע קאליערען. שוין פאר 25 יאהר, זעהט ער וויא דער טייוועל פערשפרייט זיינע נעצען און חאפט זיינע קרבנות. פאר 25 יאהר, ראנגעלט ער זיך מיט איהם, רייסט ארויס די אומגליקליכע פון זיינע הענד און ברייגנט זיי צוריק צו א גליקליכען, ריינעם, געזונדען לעבען; אבער וואס זיינען זיינע מיהע פערגליכען צו דיא אללע אומגליקליכע וועלכע פאללען יעדע מינוט, אהן צו וויסען דאס זיי פאללען צום אפגרונד.

דר׳ לאנדעס, דיינקט דאס אמעריקא אבוואהל זי ווערט שטארקער און רייכער פון טאג צו טאג דורך דיא עמיגראנטען וועלכע האלטען אין איין קומען צו דיא נייע לאנד דאך דיינקט ער, דאס זיי זיינען געוויסער מאסען אינסטרומענטאל אין אימפארטירען און פערשפרייטען וועגערישע קראנקהייטען.

עס זיינען דא זעהר ווינציג פלעצער אויף דער וועלט וואו סיפילים איז אין גאנצען אונבעקאנט. גרינלאנד און אייזלאנד, זיינען דיא צוויי גליקליכע אינזלען. דיא ווייטע און פארפארווענע טהיילען פון נארטה און סאוטה אמעריקא וועלכע זיינען קיינמאהל ניט געקומען אדער קומען זעלטען אין בעריהרונג מיט דיא ציוויליזירטע וועלט זיינען אויך פריי פון דיא קראנקהייט.

מאנכע בעהויפטען, דאס דער קלימאט פון גרינלאנד און אייזלאנד, וועלכער איז זעהר קאלט, האט צו טהון דאמיט וואס דיא קראנקהייט האט דארטען קיין שליטה ניט. דר׳ לאנדעס צווייפעלט שטארק דערין. אין דיא געוויסע טהיילען נארטה און סאוטה אמעריקא, וועלכע זיינען אויך פריי פון דער קראנקהייט איז דער קלימאט מילד און ווארעם און דאך קען מען דארטען ניט ענטדעקען קיין פעלער פון סיפילים.

דר׳ לאנדעס איז גענויגט צו גלויבען דאס דיא מאראלישע

דורך דר. לאנדעס בעהאנדלונג מיט עלעקטריציטעט ווערט אבגעצויגען די קראנקהייט ווי מיט א מאגנעט.

בעגריעפע, מעסיגער געשלעכטליכער לעבען, קאנטראלירטע לײדענשאפט, ריכטיגער היגיענישער ארט לעבען מיט גענוג פרישען לופט און גענוג עקסערסייז דערלאזט ניט דיא קראנקהייט זיך ענטוויקלען, גוטע מעדיצינישע בעהאנדלונג, פערניפטיגע פלאנען, וויא צו פערהיטען און אויסראטהען אנשטעקונג זיינען דיא ריכטיגע און איינציגע מיטלען וויא ארויסצורייסען אוועלט טהייל א געגענד, א לאנד, אדער אן איינצעלנע פערזאן פון דיא הענד פון טייוועל.

א קורצען איבערבליק וועגען דיא פערשפרייטונג פון סיפילים צווישען אידען אין אמעריקא און אויך איבער דיא גאנצע וועלט וועמען די לעזער געפינען אין קאפיטעל „דיא תורה און תלמוד וועגען סיפילים".

פיערטער קאפיטעל.

סימפטאמען, סטופען און פאלגונגען פון דיא קראנקהייט.

דר לאנדעס האפט דאס דיא פריהערדיגע קאפיטלען האבען אייך געמאכט גוט בעקאנט מיט דיא עפעקטען פון קלימאט עקאנאמישע און מען קען כמעט זאגען פאליטישע אומשטענדען פון פערשיעדענע לענדער אין פערשפרייטונג און כאראקטער פון אנשטעקונג. אין דעם קאפיטעל וועט דר' לאנדעס אייך געבען א בעשרייבונג פון דיא קראנקהייט ווי דער פאציענט זעהט עס צוערשט און וויא עס זעהט אויס ווען עס קומט צום דאקטאר'ס אויפמערקזאמקייט. ד'ר לאנדעס וועט אייך דא ניט געבען דיא איינצעלהייטען וועלכע וועלען אייך ניט אינטערעסירען און וועלכע זיינען בלויז פאר מעדיצינישע עקספערטען. ער וועט אויך וויא אימער זיך שטארק היטען און ניט געברויכען קיין ליטיינישע אדער גריכישע טערמינען, וועלכע א פראסטער בשר ודם איז ניט מסוגל צו בעגרייפען. דר' לאנדעס גלויבט שטארק אין דערצעהלען וואס ער וויל דערצעהלען אין איינפאכע שפראך, אויף א פאפולערען ארט און וויזע. אזוי פיהרט ער זיך אויף מיט דיא טויזענדע פאציענ־

צו רייניגען און רעגולירען די מענשליכע בלוט,
איז עלעקטרישע בעהאנדלונג זיכער און גוט.

טען וועלכע קומען יעהרליך אין זיין אפים, און אויף דעם זעלבען אופן שרייבט ער זיינע ביכער וועלכע זיינען אזוי פאפולאר מיט דעם עולם.

סיפילים וויא עס איז יעצט בעוואסט אין דיא מעדיצינישע ליטער־ראטור איז א ספעציפישע, אנשטעקינגע, כראנישע קראנקהייט. כראניש אחוץ ווען עס ברעכט אוים אין עפידעמישע פארמע. א ספעציפישע קראנקהייט ווערט גערופען אזעלכע וועלכע ווערט פעראורזאכט אויס־שליסליך ביי א געוויסען „מיקראב" און קען ניט פעראורזאכט ווערען ביי קיין אנדערען מיקראב.

פאר יאהרען לאנג איז סיפילים געווען גערעכנט אלס דיזעלבע קראנקהייט וויא טובערקולאזים. אין אלטע מעדיצינישע ווערקע זאגאר אין דער תורה ווערט עס פעררעכנט אלס א פארמע פון צרעת. דיא וויסענשאפט פון באקטעראלאגיע האט אוועקגעשטעלט דיא אויספאר־שונגען אויף א מעהר פעסטען באדען. דאך האט עס גענומען יאהרען לאנג ביז דיא ריכטיגע אורזאכע איז אויסגעפונען געווארען. וויסענ־שאפט'ס מענער האבען פאר א זעהר לאנגע צייט געהאלטען דעם „שאנקער", איינעם פון דיא סימפטאמען פון דיא קראנקהייט אלס קראנקהייט פאר זיך אליין. ווען דיא מעדיצינישע וויסענשאפט איז גע־קומען צום בעשלוס דאס „שאנקער" איז בלויז א סימפטאם פון דיא קראנקהייט, האבען זיי זיך גענומען אויסצופארשען דיא מיקראבען וועלכע געפינען אין יענע וואנדען. דאס איז געווען א פאלשער שריט. דער שאנקער איז דער צייכען פון אויסגעבראכענע אנשטעקונג ווען עס ווערט אויסגעשלאגען אין פארמע פון א וואנד, פאללען אריין אין דעריין אנדערע מיקראסקאפישע לעבענס־פארמען. דערפון שטאמען אויך דיא פאקטען דאס פאר א געוויסע צייט זיינען פערשידענע פאר־שער ארויסגעקומען מיט ענדעקטע מיקראבען וועלכע האבען געזאלט זיין דיא פעראורזאכער פון דיא קראנקהייט. פיעלע יוראפייאישע גע־לעהרטע און אויך אמעריקאנער געלעהרטע האבען אויסגעפונען יעדען מאהל אנייען ארגאניזם. אין דיא עלטערע מעדיצינישע טעקסט־בוקס ווערט אנגעגעבען אלס אורזאכער דיא באצייללוס פון לוסטגארטען נאכ'ן נאמען פון דעם ערפינדער וועלכער האט ענטדעקט א געוויסען

דר. לאנדעס היילט מענער און נערווען־קראנקהייטען
פאר די לעצטע פינף־און־צוואנציג יאהר.

מיקראב אין 1887 יאהר. מיט דיא וויטערדינגע ענטוויקלונג פון באקטעראלאגישע וויסענשאפט, און נאכדעם וויא פראפעסאר קאך האט אויסגעפונען דאס אנשטעקונג און פערמעהרונג פון מיקראסקאפישע בעשעפעניסען וועלכע נעהמען פלאץ אין בלוט גופא, האבען דיא פארשונגען אין סיפיליס אנגענומען א נייע ריכטונג דיא אנשטעקונג, וויא עס ווערט אנגערופען איז א ב ל ו ט ק ר א נ ק ה י י ט ווייל דיא מיקראבען געפינען זיך אין בלוט. דיא קראנקהייט וויא עס ווערט יעצט אוניווערסאל אנגענומען ווערט פעראורזאכט ביי א פראטאזאן „שפיראסהיט פאללידום“. דיא שפייראקהיטס זיינען ענדעקט געווארען ביי דיא פראפעסארען שוידען און האפמאן אין 1905 יאהר. „אפראטאזאאן“ איז א העכערע פארם בעשעפענים וויא באקטעריע און צייכנט זיך אויס דאמיט וואס עס נעהנטער אין איינענשאפטען נאהרונג, און פערמעהרונג פראצעסען צו לעבעדינגע־בעשעפניסען. באקטעריע, אין לעבענס איינענשאפטען און נאהרונג זיינען מעהר עהנליך צו קלאסע פון פלאנצען.

וויא לאנג עס געדויערט פאר דיא אנשטעקונג זיך צו פערשפרייטען אין א קערפער איז שווער צו זאגען מיט זיכערהייט. פערשידענע דאקטוירים גיעבען אן פערשידענע ענטוויקלונגס פעריאדען. וויא אנשטעקונגען פאסירען ווערט בעשריבען אין קאפיטעל 6 פון דיעזען בוך אין איינצעלהייטען. קיינער דארף עס ניט פערפעהלען צו לעזען און גוט צום הארצען נעהמען.

עס איז אנגענומען אין דער מעדיצינישע ליטעראטור צו ריידען וועגען דיא ענטוויקלונג פון דיא קראנקהייט אין דריי שטופען: ערשטע שטופע, צווייטע שטופע און דריטטע שטופע. עס פאסירט אבער גאנץ אפט דאס דיא קראנקהייט פיהרט זיך ניט אזוי רעגולאר וויא עס ווערט געשריבען און פיעלע פון דיא דאקטוירים וואס האבען ניט געהאט פיעל ערפאהרונג אין דיא קראנקהייט ווערען אפט צומישט, דיינקען עס פאר אן אנדער קראנקהייט און פערנאכלעסיגען עס צו בעהאנדלען ריכטיג. דר׳ לאנדעס וויים פון א סך פעלער וועלכע זיינען געקומען צו איהם אין אפיס, וואו דיא דאקטוירים האבען געמאכט אזעלכע סיסטייקס, און עס האט געקאסט פיעל מיהע און ארבייט דיא קראנ־

דורך דר. לאנדעס בעהאנדלונג מיט עלעקטריציטעט
ווערט אבגעצויגען די קראנקהייט ווי מיט א מאגנעט.

קע צוריק ברייננען צו געזונד. ד"ר לאנדעס וועט אלזא בעשרייבען די קראנקהייט אין די קאנוועסציענעלע פארמע, נעמליך אין די דריי שטופען. די ערשטע שטופע, וועלכע צייגט זיך אויסען דעם קערפער איממער אין פארמע פון א „שאנקער". עס נעהמט פון צוויי ביז דריי וואכען זאגאר 4 וואכען איידער די אנשטעקונג ברעכט אויס אין די אויבען דערמאהנטע פארמע. עס ווערט אבער בעהויפטעט דאס די אנשטעקונג קען זיך אויפהאלטען אין די בלוט פאר יאהרען לאנג איידער עס ברעכט אויס. ביז ניט לאנג איז ניט געוועזען קיין מיטעל וויא אויסצוגעפונען אין דיאגנאזירען אזעלכע פעלער, וויא די אנשטעקונג ברעכט ניט אויס. אויך יעצט קען עס ניט טהון יעדער דאקטאר. עס ניעבט אבער יעצט מאדערנע מיטלען, בלוט פראבירונגען („בלאד טעסטס") וועלכע וועלען שפעטער בעשריבען ווערען, וועלכע צייגען די קלענסטע פערזומריינוגונג פון בלוט.

וואס איז א שאנקער? א „שאנקער" איז דער ערשטער צייכען וואס דער אנגעשטעקטער בעמערקט, מעהרסטענס ארום צווישען צוואנציג און דרייסיג טעג נאכדעם וויא ער ווערט אנגעשטעקט, מאנבע מאהל זאגאר נאך דריי מאנאט. א שאנקער איז א קליינער געשוויר ניט גרעסער וויא אן ארבעס וועלכער בעוויזט זיך אין דעם ארט וואו מען האט זיך אנגעשטעקט, געוועהנליך נעבען די געשלעכטליכע ארגאנען, ביסליכוויס ווערען די פימפעלס גרעסער און הארטער, די פימפעלס קען מען געפינען אויף די ליפען, צונג, פינגער און במעט יעדע פלאץ וואו די אנשטעקונג האט זיך אנגעפאנגען. דער פימפעל זעהט אויס צוערשט רויט נאכהער ווערט עס קופער קאליער. די פימפעלס זיינען ניט שמערצליך און בעאונרוהיגען ניט פיעל דעם קראנקען. אויב די לייב ארום די פימפעלס ווערען ענטצינדעט אדער די לייב ווערט אנגעשטריינקט דורך דריקען דאן פיהלט דער קראנקער אביסעל שמערצען. ניט אללע „שאנקערס" ענדיגען זיך אויף דעם זעלבען אופן. פיעלע ווערען ניט גרעסער און עפענען זיך ניט. זיי ווערען פשוט פערהארטעוועט אזוי וויא האלץ, דערפון שטאמט אויך דער נאמען „הארטער שאנקער" און „ווייכער שאנקער, דעם לעצטען וויר־

צו ריינינען און רעגולירען די מענשליכע בלוט,
איז עלעקטרישע בעהאנדלונג זיכער און גוט.

מעט ד״ר לאנדעס עטליכע זייטען צוליעב דעם וואס פיעלע צומישען דיאביידע אח פיעלע ווערען איינגערעדט דאס א ווייכער שאנקער שטאמט פון סיפיליס וועלכע איז אבסאלוט ניט אמת. דיא פערהארטעוועטע פימפעלס ווערען איינגעצויגען צוריק ביי דוא קערפער־סיסטעם. דער פראצעס פאנגט זיך אהן דריי וואכען נאכדעם וויא דער פימפעל בעוויזט זיך און ווערט פיעלע מאהל פערשוואנדען אין אכט וואכען. אנדערע ווערען ניט פערהארטעוועט, זיי ווערען ווייכער, ענדליך עפענען זיי זיך; גיעבען ארויס א קלעפעדיגע רויטליכע פליסיגקייט און דערפון ווערט אן אלסער (א וואנד וועלכער פערהיילט זיך ניט), דיא ערשטע ערשיינונג פון פערהארטעוען איז כמעט דער כלל און איז א חאראקטעריסטישער סמן פון א סיפיליטישען שאנקער.

ווען דיא געשווירען און פימפעלס ווערען פערשוואנדען מיינט עס ניט דאס דער מענש איז געזונד עס מיינט פשוט: דער גיפט איז אריבער אין בלוט פון גאנצען קערפער און דיא קראנקהייט וועט פריהער אדער שפעטער ארויסברעכען אין אנאנדער פארמע.

דא געפינט ד״ר לאנדעס א געלעגענהייט אופמערקזאם צו מאכען דאס פובליקום אויף דיא פאלשע מיינונגען וועלכע הערשען נאך עד היום ביי פיעל לייטע דאס א „שאנקער“ איז א קראנקהייט פאר זיך אליין און דאס ווען דער שאנקער ווערט אויסגעהיילט איז דיא קראנקהייט פערטריבען. געוויסענלאזע דאקטוירים בענוטצען זיך דאמיט און קריגען ארויס גרויסע סומען געלד פון פאציענטען און צייגען זיי דאס זיי היילען זיי אויס דאמיט וואס דער וואנד ווערט אויסגעהיילט. ד״ר לאנדעס וויל רופען אייער אופמערקזאמקייט דאס דיא קראנקהייט איז א בלוט קראנקהייט אן עס מוז אויך אזוי בעהאנדעלט ווערען. שמירונגען אליין און פערטרייבען א סימפטאם קען א קראנקהייט ניט אויסהיילען.

ד״ר לאנדעס א חוץ וואס ער היילט דיא וואנדען, וועלכע זיינען זיינען בלויז א נעבען זאכע, רייניגט דיא בלוט און פערטרייבט דיא אנשטעקונג, ער קומט צו גרונד פון דיא צרות און ווען ער רייסט אויס א פאציענט פון דיא הענד פון דיא קראנקהייט קען ער זיין זיכער דאס

איז אייער מאשין עפּעס ניט ריכטיג,

איז דער גאנג צו דר. לאנדעס זעהר וויכטיג.

ער וועט זיין געזונד און וויבער זיין גאנצען לעבען, אויב ער וועט זיך אויפפיהרען ריכטיג.

דיא צווייטע סטופע, פאלגט דיא ערשטע סטופע. עס ענטוויקעלט זיך אם מייסטען פון 6 ביז צוועלף וואכען נאך דיא ערשטע סטופע. פיעלע מאהל פאסירט עס צו וועלכע ס'איז צייט פון צוויי מאנאט ביז 2 יאהר. מאנכע מאהל ווערט עס פערשפעטינט אויף נאך לענגער זאגאר פינף יאהר נאך דיא ערשטע סטופע און אן אנדער מאהל פאסירט עס ניט אין גאנצען. דער חאראקטעריסטישער צייכען פון דיא סטופע איז אן אויסשלאגונג איבער דעם גאנצען קערפער פון מילדען חאראקטער. דיא אויסשלאגונג איז ניט חאראקטעריסטיש און קען פיעלע מאהל אנגענומען ווערען אלס הויט ענטצינדונג און אויסשלאגונג פון וועלכען סאיז פיבער מיט אויסשלאגונגען, דיא אנדערע סימפטאמען פון דיא סטופע זיינען העכערונג פון קערפער טעמפעראטור, זיך ניט פיהלען מיט אלעמען, קאפ שמערצען, פיעלע מאהל קריעגט מען א קופער קאלירטען אויסשלאג אויפ'ן קערפער; דיא האלדז פאנגט אן צו שמערצען, הויפטזעכטליך ביים ארונטערשלינגען עססען, דיא האהר הויבט אן אויסצוקריכען; עס כאפט אין דעם מענשען אן אלגעמיינער געפיהל פון דערשלאגענהייט און נודנעקיים.

ניט אין יעדען פאלל פאסירען דיא אויסשלאגונגען און אויך ניט אללע סימפטאמען. דיא סימפטאמען און אנדערע זיינען אבהענגונג אן די ערנסקייט פון דיא אנגריעף און פון דעם פאציענטס קערפער נעבוי. אלס צייכען פון ווארנונג זיינען דיא אונערטרעגליכע שמערצען וועלכע חאפען אן דעם גאנצען קערפער צו געוויסע צייטען. דער שמערץ ווערט פיעלע מאהל אנגענומען אלס רומאטישער און ווערט ביי אונוויסענדע דאקטוירים אויך אזוי בעהאנדעלט. אין איין זאך קען מען עס לייכט אונטערשיידען, ביי זיך דערמאהנען פון א געוועזענעם „שאנקער", ווייל דיא בלויזע פערשווינדען פון דיא וואנד מיינט קיין מאהל ניט דאס דיא קראנקהייט איז אויסגעהיילט.

ד'ר לאנדעס ערינערט זיך דא א פאלל פון זיין פראקטיס וועלכען ער וועט אייך דא איבערגעבען. צו איהם אין זיין אפיס, אין 140

די נייעסטע און בעסטע עלעקטרישע מאשינען קענט איהר ביי דר. לאנדעס געפינען.

אַ סט 22סטע סטריט, וואו ד׳ר לאַנדעס האַלט שוין זיין אפיס פאַר די לעצטע 25 יאהר איז אריינגעקומען א מאן פון א יאָהר דרייסיג. אויף זיין געזיכט האט מען געקענט לעזען צייכענס פון אונערטרעגליכע יסורים. ער האט דערצעהלט ד׳ר לאַנדעס דאס ווען דיא שמערצען האפען איהם ווערט ער אויס מענש, צו דער צייט וואס ער איז געווען אין אפיס האט ער געפיהלט א שטעכענדען ברענענדען שמערץ איבער א גרויסע חלק פון לייב, פון האלדז ביז דיא פיס. ד׳ר לאַנדעס ווייסענדיג פון זיין 25 יאהריגע עקספעריענס דאס עס פאסירט אפט אים פאַלגונג פון סיפיליטישע קראנקהייטען, האט איהם אנגעפאנגען אויספרעגען צו ער האט ווען געליטען פון א „שאנקער“. דער מאן האט צוערשט געלייקענט; צו ער האט זיך געשעהמט, צו ער האט זיך פערגעסען, נור ער האט געלייקענט, ענדליך האט ער מודה געוועזען דאס ער האט געליטען פון א„שאַנקער“ מיט יאהרען צוריק און דאס ער האט עס ניט ריכטיג בעהאנדעלט. מיט גרייסע מיה איז עס געלונגען ד׳ר לאַנדעס איהם צו רעטען. דיא דריטטע סטופפע, אין דיא פאלגונג פון דיא ערשטע און צווייטע און ווערט לייכט צומישט מיט דיא צווייטע. דיא סטופע איז זעהר געפעהרליך און בעצייכנט דאס דיא סיסטעם איז אנגעזאפט מיט דיא מיקראבען דיא שלוחים פון טייוועל וועלכע קאלאניזירען זיך אין געוויסע שטעלע און צושטערען און צושמעטערען דעם גאנצען גוף. אין ערשטע אדער צווייטע סטופע שווימען זיי ארום אין בלוט און שטעלען זיך ניט אפ אין איין פלאץ.

וועגען דיא סטופע ריידען אימער מענשען דאס דער קראנקער „צופאלט אין שטיקער“. דאס איז אפילו אביסעל מגוזמ׳דיג, אבער עס איז ניט פיעל ווייט דערפון. דיא „ספיראקיטס“ ווען זיי בעזעצען זיך אין געוויסע ארגאנען ווי דיא לונגען, נירען, לעבער, הארץ, מוסקולען אדער ביינער, מאכען א חורבן פון ארגאן און האבען א שרעקליכע ווירקונג אויף דעם גאנצען קערפער. דיא אנגעשטעקטע ארגאנען ווערען ענטצינדעט און אבגעשטארבען. דיא אנשטעקונג און ענטצינדונג ווערען זעהר שנעל פערשפרייט איבער דעם גאנצען קערפער. אין גאנצען קערפער בלייבט ניט איין איינציגער ארגאן וועלכער איז ניט אנגעשטעקט פון

„מאן און פרוי“ איז פון די ביכער,
וועלכע ברענגען נוצען פאר יעדען גאנץ זיכער.

דער קראנקהייט. אזוי וויא א געפעהרליבער געו ארייגכאפענדיג זיך אין א הויז פערניכטעט און צושטערט טויטעט און פערניפטעט אלעס אזוי איז אויך דער גיפט פון סיפיליס. ווי נאר עס קומט אריין אין בלוט צושטערט עס לאנגזאם אלע טהיילען פון קערפער; ווען עס ווערט ניט גלייך אין אנפאנג וויסענשאפטליך בעהאנדעלט ברענגט עס לאנגזאם אבער זיכער צו דיא שרעקליכע ענדע—דער טויט, וועלכער איז דער איינציגער גואל וואס דער קראנקער קען ערווארטען און אויב, אין זיעבעטען קאפיטעל זיינען דא פסוקים וועלכע גיעבען איבער דיא גע־פיהלען פון אזא ליידענדען. דיא פרייע איבערזעצונג פון זיי איז שטארק און אויסדריקליך: אזוי וויא א קנעכט וועלכער ארבייט אונטער דיא זון ווארט פאר א שאטען, אזוי וויא א לוין ארבייטער ווארט פאר זיין געצאהלט, אזוי האב איך פארבראכט שוין מאנאטען אין פאלשע האפענונגען און אונענדבארע נעכט. ווען איך לייג זיך אין בעט, זאג איך צו זיך ווען וועל איך אויפשטעהן און ווען וועט שוין דיא נאכט אמאהל אוועקגעהן, און געפין קיין רוה ביז'ן פריהמארגען מיין לייב איז בעדעקט מיט ווערים און מיט וואלקענס פון שטויב; מיין הויט איז צושפאלטען און איז עקעלהאפט און שמוציג. מיינע טעג קומען צו ענדע שנעללער וויא דיא פעדים פון א וועבער אויף א וועבשטול, און מיינע לעבענס טעג ענדיגען זיך אהן האפנונג אויף עפעס. איך דערמאהן זיך דאס מיין לעבען איז ניט מעהר וויא א חויך, דאס מיינע אויגען וועלען שוין מעהר קיין גוטעס ניט זעהען. . . ווען איך דיינק דאס מיין בעט וועט ערלייכטערן מיינע שמערצען, אדער מיין געלעגער וועט מיר מאכען בעססער פיהלען, דאנסט וועך איך דערשראקען מיט בייזע חלומות, און שרעקליכע האלוצינאציעס רויבען מיין רוה. (איך פיהל אזוי) דאס איך וואלט ליבערסט וועלען מען זאל מיר דערווערגען, טויט אין פיהל אנגענעהמער אלס דיא שמערצען אין מיינע ביינער און גלידער.

ניט אללע פעלער פון סיפיליס ענדיגען זיך אדער לויפען דעם זעלבען קורס וויא עס ווערט מעהרסטענס גערעכנט. ד'ר לאנדעס האט נאך דארויף אייך אויפמערקזאם געמאכט פריהער. מאנכע מאהל בלייבט דיא גיפט אין קערפער און דער „טייוועל" טהוט זיך זיין ארבייט

יעדער קראנקער אין ד"ר. לאנדעס הענד איז זיכער.
פיעלע נוצען ברענגען זיין צייטשריפט און ביכער.

לאנזאם אבער זיכער ביז דעם מענשען ווערט דער לעבען נמאס. אז ד״ר לאנדעס זאל דא וועלען אויסרעכענען אללע קראנקהייטען וועלכע ווערען פעראורזאכט אינדירעקט דורך סיפיליס, וואלט ער דא קענען איבערדרוקען זיין „דאקטאר־בוך״. דיא פערגיפטעטע בלוט שוואכט אפ דעם קערפער אזוי פיעל דאס עס קען ניט ביישטעהן איין אנשטעקונג וואס א נארמאלע סיסטעם טראגט איבער גאר ניט שפירענדיג אדער ווייסענדיג.

ד״ר לאנדעס וועט דא בלויז בעשרייבען אין קורצען דיא צוויי קראנקהייטען וועלכע ווערען פעררעכנט אלס פאלגונג פון סיפיליטישע אנשטעקונג וועלכע האט געטהון איהר ארבייט אין „חדרי־חדרים״ אהן אויסערליכע אויסשלאגונגען אדער אויסשלאגונגען אין מילדע פארמען, דיא צוויי זיינען „לאקאמאטאר אטעקסיא״ און „פארעססיא״ (פיעלע אינטערעסאנטע פאקטען וועגען סיפיליס וועלכע ווערען דא ניט ווידער־האלט וועט איהר געפונען אין דיא „הייראטה״ „דער פערפיהרטער״ און „דאס דאקטאר בוך״). „לאקאמאטאר אטעקסיא״ איז א קראנק־הייט וועלכע בעשטעהט אין דעם וואס דער חוט השדרה ווערט פער־הארטעוועט און וואס א מענש פערלירט קאנטראל איבער זיין נערוועזע סיסטעם, דיא נערוועז וועלכע ווערען ניט מעהר קאנטראלירט טהוען וואס זיי ווילען. וויא אייך איז בעוואסט איז דער חוט השדרה און דיא מארך דיא הויפט פונקטען פון וואנעט דער קערפער ווערט רעגיערט. דיא פערשידענע נערוועז־פעדימלאך וועלכע ציהען זיך אין יעדע צייט זיינען דיא פערבינדונגס מיטלען צווישעןביידע העלפטען פון קערפער. אין „לאקאמאטאר אטעקסיא״ ווייס ניט איין העלפט קערפער וואס דער אנדערער העלפט טהוט אדער וויל טהון; דיא צענטראל סטיישען איז ניט אין ארדענונג און דער אונארדענונג איז אונבעשרייבאר. שטעלט זיך פאר, ווען איהר ווילט שטעלען א טריט און איהר קענט ניט שטעלען אייער פוס וואו איהר ווילט איינפאך דערפאר וואס אייער פוס וויל אייך ניט פאלגען אדער איין פוס געהט אהין און דיא אנדערע אהער שטעלט זיך פאר דאס פערשידענע קערפער טהיילען פון אייער קערפער בעוועגען זיך דאנסט ווען איהר ווילט זיי זאללען זיך ניט בעוועגען. איין פוס

היט זיך פון באבסקע רפואות, פערלאזט זיך ניט אויף א נס
140 איסט 22טע סטריט איז דאקטאר לאנדעס אדרעס.

ציהט זיי רעכטס ווען דיא אנדערע ציהט זיך לינקס; אייערע ליפען שאקלען זיך, ווען איהר ווילט און זיי דארפען זיין פערמאכט, דאס איז בלויז א טהייל פון דיא איינצעלהייטען דיא צושטאנד פון קערפער סיסטעם ווען עס ליידעט פון לאקאמאטאר־אטעקסיע קען צונעגליכען ווען צו א חדר וואו דער רבי איז אוועקגעגאנגען און איבערגעלאזען די אינגלאך טהאן וואס זיי ווילען. דער ליידענדער ווערט פיעלע מאהל טויב דורך דעם וואס דיא נערווען וועלכע קאנטראלירען דיא חוש השמועה ווערען אנגעגריפען. מענער קראפט ווערט אפגעשוואכט און פיעלע מאהל אין גאנצען פערלארען. פיעלע מאהל ווערט דער פאציענט פאראליזירט. (מעהר איינצעלהייטען וועגען דיא קראנקהייט וועט איהר געפינען אין ד״ר לאנעס ,,דאקטאר בוך״ ,,קערפער און זעלע״ און אנדערע).

,,פארעזיס״ ווערט בעהויפטעט איז דיא זעלבע קראנקהייט וואס ,,לאקאמאטאר אטעקסיא״, דער אונטערשייד איז אין דעם וואס פארעזיס אטאקירט דעם מארך גופא, און אטעקסיא אטאקירט דיא חוט השדרה, דיא קראנקהייט אטאקירט אפטער מענער וויא פרויען, אין עלטער פון 30 ביז 35 יאהר. עס איז מייניסטענס דיא פאלגונג פון פארנאכלעסיגטע פעלער פון סיפילים אדער ניט ריכטיג בעהאנדעלטע. דיא קראנקהייט איז כראניש אין איהר קורס, און רוקט זיך אונטער וויא א שונא פון הינטען. דיא סימפטאמען ווערען זעלטען בעמערקט אין דיא ערשטע סטופע פון דיא קראנקהייט און ווען עס קומט צו א דאקטארס בעהאנדלונג איז עס שוין צו שפעט, אין דיא צווייטע שטופע זיינען דיא סימפטאמען מעהר שטענדיג און לייכטער צו בעמערקען. דער פאציענט ליידעט צייגט צייכענס פון גרויסע אויפרעגונג, ליידעט פון אילוזיאנען און האט צייטענווייז מעלאנכאלישע אטאקען, אין אלגעמיין דער פאציענט האנדעלט אזוי וויא א צומישטער. ער פארלירט ביסליכווייז דיא קאנטראלירונג איבער דיא פונקציאנען פון זיין קערפער ארגאנען, און צו לעצט ווערט ער אין גאנצען משוגע און איז אום שטאנדע צו כענעהן נוואלט טהאטען. עס ווערט בעהויפטעט דאס פיעלע פון דיא מאניעקס וועלכע זיינען פערשפארט אין דיא דול־הייזער

לערנען און וויסען מאכט דעם מענשען רייך,
ד״ר. לאנדעס ביכער זיינען געשריעבען פיר אייך.

ליידען פון פארעזים, אלס בעווייזע צו דיא בעהויפטונגען איז נאלאגאן דער מאן, וועלכער האט געשאסען אויף מעיאר גיינאר, ווען דער לעצטער האט געהאלטען ביין אפפאהרען קיין יוראפ האט געליטען און איז געשטארבען פון „פארעזים בלויז איאהר נאכדעם וויא מען האט איהם פערשפארט אין סטייט האספיטאל פאר שוואכזיניגע, ערשט מיט 4 אדער פינף מאנאט צוריק האבען נאגוטשיע דער יאפאנעזער געלעהרטער איינער פון אויס פארש (ריסוירטש) געלעהרטע פון ראקאפעלער אינסטיטוט, וועלכער איז אונטער דיא פיהרערשאפט פון בעריהמטען סיימאן פלעקסנער, געפונען „ספיראקיטס פאלידום“ דיא זעלבע מיקראסקאפישע בעשעפענישען וועלכע פעראורזאכען סיפילים אין דיא מארך פון אפאציענט וועלכער איז געשטארבען פון „פארעזים“ דיא פאקטען פעסט געשטעלט דיא סברה, וועלכע פיעלע געלערנטע האבען פערדעכטיגט און בעהויפטעט פאר אלענגערע צייט, ד״ר לאנדעס, דיינקט דאס פיעלע פון דיא מאניאקס און „ניט שעדליכע“ משוגעים זיינען דיא פאלגונגען פון ווילדע סיפיליטישע אנשטעקונג וועלכע אטאקירען דיא געהירען.

אין נעקסטען קאפיטעל וועט ד״ר לאנדעס בעהאנדלען דיא פראגע וויא אנשטעקונג ווערט פערשפרייט, דא וויל ער בלויז בעמערקען, דאס דיא סכנה פון אנשטעקונג איז זעהר גרויס ווען דיא קראנקהייט איז אין איהר ערשטע און צווייטע סטופעז, אין דיא דריטטע סטופע ווערט אנשטעקונג זעלטען פערשפרייט, דיא אורזאכע דאפיר איז, וואס אין דיא דריטטע סטופע זיינען דיא „ספייראקיטס“ קאנצענטרירט אין איין פלאץ און זעלטען ווען זיי געפינען זיך דאנסט אין בלוט אדער אין אללע קערפער טהיילען, עס גיעבט אבער קיינע כללים אהנע אויסנאהמע. אין די מעדיצינישע ליטעראטור זיינען פערצייכענט פעה־לער פון אנשטעקונג אויך ווען דער פאציענט איז געוועזן אין די דריטטע סטופע פון דיא קראנקהייט.

סיפילים אין נייגעבארענע קען מען מייסטענס דערקענען אין א פאאר וואכען; כמעט אויף זיכער אין יעדע פאל אין דריי מאנאטען. דיא קראנקהייט צייגט דיא זעלבע סימפטאמען און ענטוויקלונגס סטר־

ווען דר. לאנדעס בעהאנדעלט און קורירט,
דאן איז די היילונג זיכער גאראנטירט.

פען וויא אין דערוואקסענע. וויא ד״ר לאנדעס האט זיך אויסגעדריקט אין ערשטען קאפיטעל איז סיפיליס א„קינדער מערדערין״. א חוץ דעם וואס פיהלע עלטערען פערלירען דיא קראפט צו האבען קינדער, ווערען מעהר א דריטטעל פון דיא וואס דארפען געבארען ווערען געבארען פאר דער צייט. פיעלע פון דיא סיפיליטישע קינדער וואס ווערען געבא־רען לעבעדיג, לעבען זעלטען לענגער וויא עטליכע יאהר. דיא וואס בלייבען לעבען און האדעווען זיך אויף זיינען עדות צו דיא הארצלא־זינקייט און דומהייט פון אונזער ציוויליזירטע וועלט. אזעלכע קינדער קען מען לייכט דערקענען. איממער אומעדיג, קיין אויסדרוק פון פער־שטאנד אדער אינטעליגענץ אויף זייערע פנימער. מעהר וועגען דעריין אין אנאנדער קאפיטעל.

פינפטער קאפיטעל.

קראנקהייטען עהנליך צו סיפילים. וויכטינקייט פון ריכטיגען דיאגנאזים!

אין פריהערדיגען קאפיטעל האט ד״ר לאנדעס בעשריבען דיא סימפטאמען און סטופע פון סיפילים, אויך דיא קראנקהייטען וועלכע זיינען דיא רעזולטאטען פון פערנאכלעסיגטע אדער ניט ריכטיג בע־האנדעלטע פעלער פון סיפילים. אין דיעזען קאפיטעל וועט ד״ר לאנדעס בעשרייבען אין איינצעלהייט דיא קראנקהייטען וועלכע זיינען עהנליך צו סיפילים אדער וועלכע ווערען אנגענומען אלס סיפילים ביי אונוו־סענדע דאקטוירים וועלכע ווייסען ניט בעססער אדער געוויסענלאזע דאקטוירים וועלכע ריידען איין דיא פאציענטען אום זיי איינצושרעקען און ארויסקריגען פיעלע געלד פון זיי. פון דיא קראנקהייטען ווערט ניט פיעל גערעדט אין דיא מעדיצינישע טעקסט ביכער. דערפאר וואס זיי קענען לייכט געהיילט ווערען ווען זיי ווערען ריכטיג בעהאנדעלט. ד״ר לאנדעס פון זיין איינענע לאנג יאהרינע פראקטיק וויים דאס זיי ברייג־נען במעט אזוי פיעל שאדען וויא סיפילים גופא. א קראנקהייט ברייננט שאדען ניט נור דאמיט וואס עס שעדיגט דעם קערפער; דיא שאדען וואס עס בריינגט דיא זעעלע און נערוועז איז מאנכע מאהל וויכטיגער איינפאך דערפאר וואס עס איז שווערער דיעזע צו בעהאנדלען. דיא קראנקהייטען וועלכע ד״ר לאנדעס וועט דא בעשרייבען זיינען „שאנק־ראיד״, „סיפילאפאביא״. טאקי צוליעב דעם וואס מענשען זיינען אזוי אונוויסענד אין דיא אנגעלעגענהייטען, וועט זיך ד״ר לאנדעס בעמיהען זיי דייטליך אייך דערקלעהרען און בעשרייבען.

ד״ר לאנדעס האט פוללע רעכט צו בעהויפטען דאס דיא קראנק־הייטען עהנליך צו סיפילים פערזומליקען זעהר פיהל מענשען דורך

מענער קראנקהייטען קומען ניט פון בייזע גייסטער, דר. לאנדעס זיי אויסקורירען איז א מייסטער.

דעם וואס עס הערשט אזוי מורא און אונוויסענהייט אין אללע קראנק־הייטען וועלכע בעריהרען דיא געשלעכטס ארגאנען. ד"ר לאנדעס וואלט אייך געקענט ברייננען הונדערטע עקסעמפלעס פון זיין פראקטים. ער וועט זיך בעגנינען מיט איינע וואס וועט אייך צייגען די ערנסטקייט פון דיא אנגלעגענהייט, ערשט מיט א פאאר מאנהייט צוריק איז אריינגעקומען אין ד"ר לאנדעס' אפים א יונגער מאן פון א יאהר 25 פאר עקזאמענירונג. דער יונגער מאן האט אויסגעזעהן גאנץ געזונד און מונטער; ער האט בלויז אויסגעזעהן נערוועז און צוטראגען. ד"ר לאנדעס האט איהם געשטעלט פערשידענע פראגען אום טיכטיג בעקאנט ווערען מיט זיין לעבענס אומשטענדען און אום בעססער צו וויסען ווי צו בעהאנדלען זיין קראנקהייט. איידער דער דאקטאר האט נאך גע־האט דיא געלעגענהייט איהם ריכטיג אויסצופרעגען האט ער זיך מיט אמאהל ארויסגעזאגט אין א ביטערען טאן: „איך וויים דאקטאר איהר ווילט מיר העלפען, אבער וואס טויג מיר אללע רפואות; איך וויים איהר ווילט מיר טרייסטען, אבער מיר קען מען מעהר ניט העלפען. מיין שיקזאל איז שוין בעשטימט, איך בין פעראורטהיילט צו זיין א לעבע־דיגער־טויטער מיין גאנצען לעבען". ד"ר לאנדעס האט איהם אריינגע־נומען אין זיין עקזאמענירונגס צימער און האט איהם טיכטיג אונטער־זוכט. ד"ר לאנדעס' האט אויסגעפונען דאס דער מאן ליידעט פון א פערנאכלעסיגטען וויכען שאנקער וועלכער קען מיט ריכטיגע בעהאנ־דלונג אויסגעהיילט ווערען. ד"ר לאנדעס, האט איהם אללעס דער־קלעהרט און געזאגט דאס זיין קראנקהייט קען אויסגעהיילט ווערען אין דריי מאנאט. דער מאן האט זיך ניט געוואלט גלויבען און האט גע־האלטען אין איין זאגען: „ניין דאקטאר, מיר קען מען ניט היילען". ריי־דענדיג האט ער אויך דערצעהלט ד"ר לאנדעס דאס ער איז פערלאבט צו א מיידעל מיט וועלכע ער דארף הייראטהען, און מיט וועלכע ער האט מורא צו הייראטהען צוליב זיין קראנקהייט. וויא פיעל דאקטאר לאנדעס האט גערעדט און איהם דערקלעהרט האט גאר ניט געהאל־פען. דער מאן איז געווען ביי דאס זייניגע: „מיר קען מען ניט היילען". ענדליך האט דער דאקטאר איהם געהייסען געהן א היים, זיך אללעס

140 איסט 22טע סטריט איז דאקטאר לאנדעס אדרעס, דורך עלעקטרישע בעהאנדלונג מאכט ער פיעל פראגרעס.

איבערלייגען, נאכטראכטען, און ווען ער וועט פיהלען צוטרוי אזן פער־
טיג זיך צו לאזען בעהאנדלען זאלל ער קומען צוריק. ד"ר לאנדעס האט
איהם אויך געווארנט דאס יעדע פערלארענע מינוט מיינט זעהר פיעל
און וואס גיכער ער וועט קומען, דעסטא גיכער וועט ער געזונד ווערען.
דער מאן איז אוועק און אין א פאאר טעג ארום איז ער געקומען אי־
בערצייגט אין ד"ר לאנדעס' ערנסטקייט און איז געווען פערטיג צו נעה־
מען דיא בעהאנדלונג. ד"ר לאנדעס האט איהם בעהאנדעלט וויא זיין
לאנג־יאהריגע ערפאהרונג לערנט איהם און דער מאן איז היינט צו
טאג פאלקאם געזונד און נעהט הייראטהען דיזע טעג. צו זאגען דאס
דער מאן איז גליקליך מיינט ניט א צעהנט־חלק וואס דער מאן פיהלט,
דער מאן ווען ד"ר לאנדעס האט איהם געזאגט דאס ער איז פאל־
קאם און קען הייראטהען איז איהם געפאהלען צו דיא פיס און גע־
האלטען אין איין זאגען: "איך בין ניט אין שטאנדע אייך צו בעלאה־
נען, קיין געלד קען אייערע מיהע בעצאהלען".

ד"ר לאנדעס איז איבערצייגט, גלויבט און פראקטיצירט וואס
ער פרעדיגט, דאס ווען א פאציענט האט ניט קיין צוטרוי אין א דאק־
טאר וועט דיא בעהאנדלונג איהם כמעט ניט טהאן קיין גוטעס. אי־
בערהויפט ווען דיא קראנקהייט איז א נערוועזישע. א דאקטאר מוז זיין
איבערצייגט אין די נוטצען פון זיין בעהאנדלונג און מוז אויך זיין פע־
היג צו מאכען דעם פאציענט טראכטען דאס זעלבע. דיא פערזענליכע
מאגנעטיזם פון דאקטאר ווירקט זעהר שטארק אויף דעם פאציענט
איבערהויפט אין נערוועזע און איינגע־עדטע קראנקהייטען א דאקטאר
איז ניט בלויז דאפיר צו קארמענען מיט פילען און רייבען און שמירען
מיט זאלבען. זיין אופגאבע איז צו קריגען דיא צוטרוי פון קראנקען און
זעהען דאס דער פאציענט פערלאזט זיך אויף דיא ערנסטקייט פון ווי־
סענשאפט פון דאקטאר און פאנגט אן גלויבען דאס ער ווערט געזונד
און וועט קירצליך געזונד ווערען. דיא צושטאנד פון קערפער און גע־
דאנקען העלפען זעהר פיעל דיא פערשידענע "דראגס" און האבען א
ווירקונג אויפ'ן קערפער געבוי.

דער צופאל מיט דעם יונגען מאן צייגט אייך דאס אויך. דער

"מאן און פרוי" פון דר. לאנדעס פערפאסט,

יועט עמפפאנגען ווערען אלס א גוטער גאסט.

ונגער מאן, צורודערט און צוטראגען, איבערציינגט, דאס ער איז פער־אומגליקט פאר זיין גאנצען לעבען האט בעזוכט פיעלע דאקטוירים. מיט זיין נערוועזיטעט און איינגעשראקענהייט און איינגעשפארקייט האט ער אזוי פיעל געווירקט אויף דיא דאקטוירים דאס זיי האבען נאכגע־זאגט וואס ער האט בעהויפטעט. דאס דארף ניט און טאר ניט פאסירען.

א ווייכער שאנקער אדער שאנקראָאיד, וויא דאס ווערט אָנגע־רופען אין מייסטענס אן אפענער וואונד וועלכער ווערט געפונען נעבען דיא געשלעכטליכע ארגאנען, ביי מענער און פרויען. ווי דער נאמען „ווייכער" ציינט אונטערשיידעט עס זיך שטארק פון סיפיליטישען שאנ־קער וועלכער איז הארט. מאנכע מאהל אזוי הארט וויא האלץ, אחוץ דעם דער סיפיליטישער שאנקער עפענט זיך פערהעלטניסמעסיג זעל־טען. עס ווערט איינגעזויגען צוריק ביי דיא קערפער סיסטעם. דער שאנקראָאיד עפענט זיך אימער אחוץ אין אויסנאהמס פעלע און גיעט ארויס א בלוטיגע געדיכטע קלעפעדיגע מאטעריע וועלכע איז זייער גיפטיג און פערשפרייט די אנשטעקונג אין אנדערע טיילען פון קער־פער און אללע אנדערע פערזאנען מיט וועמען עס קומט אין בעריהרונג. ווען א סיפיליטישער שאנקער עפענט זיך א מאהל, גיעט עס ארויס א דינען מוטנעם פליסיגקייט. דער שאנקראָאיד איז אנפאנגס דער רעזולטאט פון אונריינינקייט אין געשלעכטליכען פערקעהר און פאנגט זיך אן מיט א רונדען געשוויר. ווען עס ווערט ניט גלייך בעהאנדעלט, עפ.נט עס זיך און דיא גיפטיגע פליסיגקייט ווערט פערשפרייט איבער דעם גאנצען קערפער און פעראורזאכט פיעלע אנדערע געשווירען, וועלכע בלייבען אפענע וואונדען, וועלכע פערהיילען און פערמאכען זיך ניט.

דער מיקראָב וואס פעראורזאכט דעם שאנקראָאיד איז נאך ניט פעסט בעשטעטיגט. דיא לעצטע מעדיצינישע אויטאריטעטען בעהויפ־טען דאס עס ווערט פעראורזאכט ביי „דו־קרעי־אוננא" באציללוס, וועלכער זאל זיין דיא ספעציפיישע באקטעריע.

א „שאנקראָאיד" ברעכט אויס מייסטענס דריי אדער פינף טעג

מענער־קראנקהייטען קומען ניט פון ביידע גייסטער,

דר. לאנדעס זיי אויסקורירען איז א מייסטער.

נאכדעם וויא מען ווערט אנגעשטעקט ווען דיא אנשטעקונג קומט אין בעריהרונג מיט א טהייל קערפער ווי דיא הויט איז צובראָכען. ווען דיא הויט איז ניט צובראכען און צושפאלטען, נעהמט עס פיעל לענגער.

דיא שאנקראָאידס קענען זיך אויך געפינען אין אנדערע פלעצער אחוץ דיא געשלעכטליכע ארגאנען. זיי ווערען זאגאר געפונען אין מויל און אין יעדער קערפער טהייל וואו דיא אנשטעקענדע מאטעריאל קומט אין אנריהרונג, אבוואהל וויא ד"ר לאנדעס האט דערקלעהרט דאָס דער שאנקער און שאנקראָאיד זיינען אנדעריש אין אויסזעהען; דאך ניט אללע מאהל איז עס אזוי און פיעלע מאהל איז עס זעהר שווער פאר א דאקטאר מיט ניט פיעל ערפאהרונג עס צו אונטערשיידען. עס נעהמט א דאקטאר מיט פיעלע ערפאהרונג און מאדערנע לאבאראטארישע מיטלען עס ריכטיג אויסצוגעפינען.

דיא ריכטיגע דיאגנאזיס און אונטערשיידונג איז זעהר וויכטיג צוליעב פיעלע אורזאכען. „א שאנקראָאיד איז בלויז א לאקאלע קראַנקהייט און מוז אויך אזוי בעהאנדעלט ווערען. אויסערגעוואהנליכע ריינליכקייט, מעדיצינישע בעהאנדלונג, פיעלע מאהל אויסברענען דעם וואונד וויא ווייט עס איז פערשפרייט, עלעקטרישע בעהאנדלונג צו שטארקען דעם קערפער געבוי, איז נויטיג צו היילען שאנקראָאידס. א „שאנקער" איז בלויז א צייכען, דאס דער קערפער איז אנגעשטעקט מיט סיפיליס; עס איז בלויז א טרעווארגע צייכען דאס אללע מיטלען מוזען אנגענומען ווערען דעם קערפער סיסטעם ארויסצורייסען פון דיא הענד פון דעם טייוועל. אין א שאנקער, ווערט ניט נור דער וואונד בעהאַנדעלט, זאגאר דער גאנצער קערפער, בלוט, און נערוועו סיסטעם. דיא היילונג פון וואונד, איז בלויז א נעבען זאך.

דער צומישען פון דיאביידע דורך פאלשען דיאגנאזירען מאכט אן א סך צרות. דיא מעדיצין פאר איין קראַנקהייט טהוט ניט קיין גוטעס דיא אנדערע, אחוץ וואס עס קען פיעלע מאהל פעראורזאכען גרויסע צרות. איבערהויפט איז וויכטיג דיא צייט וואס ווערט פערבראכט אין ניוועטס. ד"ר לאנדעס ווייס פון פיעלע פעלער פון „שאנקראָאידס" וועלכע זיינען בעהאנדעלט געווארען ביי אנדערע אלס סיפי־

„מאן און פרוי" פון דר. לאנדעס פערפאסט,

וועט עמפפאנגען ווערען אלס א גוטער גאסט.

ליטישע וואונדען, און וועלכע זיינען געקומען צו איהם פאר בעהאנד־לונג נאכדעם וויא זיי האבען פערלארען צייט און געלד ביי אנדערע דאקטוירים.

דיא ערנסקייט פון אזא מיסטייק, צייגט אייך וויא וויכטיג עס איז זיך צו ווענדען צו א דאקטאר וואס האט געמאכט פון דיא אב־טהיילונג פון מעדיצין זיין ספעציאליטעט און לעבענס אויפגאבע. קיין מענש טאר זיך ניט שפילען מיט זיין געזונד, איבערהויפט ווען פער־נאכלעסונג מיינט אזוי פיעל צרות, יסורים און זאגאר ברייננגען דיא קראנקהייט צו איין אונהיילבארע סטופע.

„סיפילאפאביע" בעשטייט פון צוויי ווערטער „סיפיל" און „פאביע" פאביע מיינט אין גריכיש מורא האבען, און דער טערמין סיפילאפאביע מיינט אלזא מורא פאר סיפיליס. אין מעדיצינישע טעקסט־ביכער ווערט דער טערמין ניט פיהל דערמאהנט אחוץ אונטער דעם אלגעמיינעם אבטהיילונג פון איינגערעדטע קראנקהייטען. ד"ר לאנדעס דורך זיינע 25 יעהריגע ערפאהרונג איז געקומען צו א בעשלוס וועלכער מעג זיך אייך אויסקוקען קאמיש, אבער עס איז זעהר ערנסט.

פון דיא פיעלע פעלער וועלכע קומען צו ד"ר לאנדעס און בע־הויפטען דאס זיי זיינען אנגעשטעקט מיט סיפיליס, זיינען בלויז איינער פון פינף אנגעשטעקט דאמיט. דיא איבעריגע האבען זיך פשוט איינ־גערעדט און עס איז פונקט אזוי שווער פיעלע מאהל דערקלעהרען דעם אמת וויא אויסצוהיילען א ריכטיגען פאל פון בלוט פערגיפטונג. פיעלע לייט נעהמען עס זיך אזוי אריין אין מוח, דאס קיין זאך קען עס זיי ניט ארויסשלאגען. קיין זאך, אפילו דיא בלוט־טעסטס וואס ווערען שפעטער בעשרייבען, וועלכע זיינען ריכטיג וויא גאלד, קען זיי בערו־היגען.

געוועהנליך פאסירט דאס אויף אזא ארט: א מאן קריעגט א פאאר פימפעלס אויף דיא געשלעכטס ארגאנען, נאכדעם צופעליגע ווייזט בעוויזט זיך אויפ'ן קערפער איין אויסשטאגג. נאטירליך דער מאן דערשרעקט זיך און פערטרויערט עס אפשר א גו־טען ברודער. דיא צוויי צוזאמען וועלכע האבען זיך אנגעהערט נעגוג

דר. לאנדעס אפיס איז 140 איסט 22טע סטריט
זיין ראטה איז פריי. קומט איהם זעהען.

באבע־מעשיות וועגען סיפיליס, דיאגנאזירען אליין זיין קראנקהייט. דער מאן ווערט ביי זיך פעסט איבערציינט דאס ער האט זיך אנגעשטעקט מיט סיפיליס. מיט דיא פיעלע איבערציינונג, איבערגעשראקען אויף טויט, נעהט ער צו א דאקטאר, פיעלע מאהל א גאנצער גוטער און ערנסטער דאקטאר, אבער אזעלכער וועלכער האט אפשר קיינמאהל ניט געזעהען א ריכטיגען פאלל פון סיפיליס. דעם פאציענטס שרעק, דיא צופעליגע סימפטאמען בעאיינפלוסען דעם דאקטאר אזוי, דאס ער דיאגנאזירט דעם פאלל אלס סיפיליס און נעהמט איהם טאקי בע־האנדלען אלס סיפיליטיקער. וויא פיעל שאדען אזא דיאגנאזיס בריינגט וועט איהר לייכט פערשטייען, ווען איהר וועט לעזען דעם קאפיטעל וועלכער בעשרייבט וויא סיפיליס ווערט געהיילט און דיא כאראקטער פון דיא דראגס וועלכע ווערען געברויכט. דיא מעדיצינען וועלכע מען דארף געברויכען בלויז אין סיפיליס זיינען נוטצלאז און שעדליך פאר דעם נארמאלען קערפער. אין פעלער פון „סיפילאפאביע" מוז מען גע־ברויכען א גאנץ אנדער סארט בעהאנדלונג. דיא אורזאכע פון דיא אויסשלאג מוז אויסגעפונען ווערען און בעזייטיגט. דיא נערוועז מוזען געשטארקט ווערען. דיא בעהאנדלונג האט קיין ווירקונג ביז דיא צו־טרוי פון פאציענט ווערט געוואנען. ערשט מיט געדולד און ריכטיגע בעהאנדלונג קען דער פאציענט געבראכט ווערען צו נארמאלען געזונד צושטאנד. אין ווירקליכקייט סיפילאפאביע איז א נערוועזע קראנקהייט, און וועלכע ד״ר לאנדעס איז אזוי געאיבט און פעהיג צו היילען. דיא רעקארדס פון געהיילטע פאציענטען, וועלכע געפונען זיך אין זיין אפיס; 140 איסט 22 סטריט, זיינען דיא בעסטע עדות דאפיר.

ארום דיא געשלעכטליכע ארגאנען און אויף דיא ארגאנען אליין נעהמען פלאץ פיעלע געוויקסע, וואנדען, אויסשלאגונגען, אין איין ווארט אללעם וואס פאסירט אין אנדערע קערפער טהיילען. דער אונטערשייד איז בלויז, וואס מענשען ווייסען אזוי ווינציג וועגען דיא טהיילען פון זייער קערפער געבוי, און אויב זיי ווייסען עפעס, איז דאס וואס זיי האבען ניט געדארפט וויסען, ווייל עס איז ניט ריכטיג, און בלויז א האלבער אמת, און ווען עפיס פאסירט ווערען זיי אזוי צושראקען דאס

געזונד איז טהייערער פון אלעס
מען דארף עס ניט יעדען אנפערטרויען

זיי דייטקען גלייך פון דיא שלימסטע וואס קען פאסירען. געוויס ווען א מענשענ'ס געוויסען איז ניט ריין, איז דאס בעסטע פאר איהם זיך ניט לאזען אויף קיין נסים און ליבערסט געהן דאמיט צו א דאקטאר. אדער מען מוז זעהר פארזיכטיג זיין און געהען צו א דאקטאר וואס ווערט ניט בעאיינפלוסט דורך אייער מורא און וויים זעהר גוט וואס ער האט צו טהאן. דא איז ניט דער פלאץ צו בעשרייבען דיא אויסשלאגונגען און וואנדען וועלכע קענען פאסירען. (איינצעלהייטען קענט איהר געפינען וועגען דעריין אין ד"ר לאנדעס „דער דאקטאר בוך") דא וועט ער בלויז מאכען איין אלגעמיינע בעמערקונג דאס פיעלע מאהל פאסירען וואנדען וועלכע זיינען עהנליך אין אויסזעהען צו שאנקראאידם אדער זאגאר שאנקער, אבער זיינען בלויז וואנדען גאר ניט פון ווענערישע קוואלען און אורזאכען. געוויס זיי דארפען ריכטיג בעהאנדעלט ווערען, אבער זיך דערשרעקען איז אומנויטהיג.

געשלעכטליכע געוויקסע ווארטס אדער ווענערישע באראדעווקעס פאסירען פערהעלטניסמעסיג גאנץ אפט. זיי ווערען ניט אימטער פערורזאכט דורך ווענערישע קוועלען; אבוואהל זיי פאסירען מייסטענס אין פעלער פון גאנאאריע ווען דיא פארהויט ווערט שטייף און אנגעקלעפט, אדער אין פעלער פון באלאניטיס, וואס מיינט ענטציגדונג פון קאפ פון געשלעכטליכען גליעד. דיא באראדעווקעס וועלכע געפינען זיך אויפ'ן קאפ פון גליעד זעהען אויס וויא געוואהנליכע באראדעווקעס אבער זיי זיינען רויטליך אין אויסזעהן און פערמעהרען זיך אזוי שנעלל, דאס פיעלע מאהל פערדעקען זיי דיא קאפ פון גליעד אזוי דאס מען קען עס אין גאנצען ניט ארויסזעהען. פיהלע בעהויפטען דאס דיא ווארטס זיינען אנשטעקענד, אבער עס איז נאך ניט איבערצייגט געווארען אויף בעשטימט.

די ווארטס, גאנץ אונשולדיג אין כאראקטער פערזאכען פיעלע אומבעקוועמליכקייטען. זייער פערמעהרען זיך איז זאנדערבאר. ווען צייטיג קורירט און בעהאנדעלט זיינען זיי ניט געפעהרליך און שנעל קורירבאר.

זעקסטער קאפיטעל

ווענערישע קראנקהייטען און דיא געזעלשאפט.

סיפילים און אללע אנדערע געשלעכטליכע קראנקהייטען זיינען דעמאקראטיש, אויב מען קען זיך אזוי אויסדריקען. זיי זיינען קיינע אויסקלייבער, זיי אטאקירען רייך און ארעם, יונג און אלט, שולדיג און אונשולדיג. אמת אנדערע לייטע אטאקירט עס מילדער און זיי ווערען אויסגעהיילט פיעל שנעללער וויא אנדערע. עס איז אבער זעלטען א פראגע פון געלד. עס איז מעהר א פראגע פון וויסען וואס איינער האט צו טהאן, ווען ער ווערט אנגעשטעקט און וויא זיך צו פערהיטען פון אנשטעקונג דיא קאמפליקאציאנען און טרויעריגע פאלגען פון סיפילים. אויך אללע אנדערע ווענערישע קראנקהייטען זיינען דיא פריכטע פון אונוויסענהייט.

עס ווערט דערצעהלט ביי נאטור פארשער און יעגער, דאס ווען א שטרויס פויגעל, דיא פויגעל וועמעס פעדערען ווערען אזוי שטארק געשעצט ביי אונזערע פרויען, ווען זיא זעהט דאס זיא האט קיין אויס־וועג זיך צו ראטהען, שטעלט זיא זיך אוועק, פערמאכט דיא אויגען און בעהאלט דיא קאפ אונטער דיא פליגלען. דער יעגער קען צו איהר דאנסט צו געהן און איהר אנחאפען און בונדען זעהר לייכט. דיא שטרויס־פויגעל, דיא גרויסע און שטארקע בעשעפנים גיעט זיך אזוי אוועק אין דיא הענד פון איהרע שונאים גאר אהן זיך צו וועהרען גע־גען זיי. דיא שטרויס־פויגעלס מעטאדען פלעגען און ווערען נאך ע־ד היום געברויכט ביי דיא געזעלשאפט און פערהיטען און אויסראטהען ווענערישע קראנקהייט. פא־ לאנגע הונדערטע יאהרען האלט די גע־זעלשאפט פערמאכט איהרע אויגען און זעהט ניט איהר שונא דיא ווענערישע קראנקהייטען וועלכע גראבען אונטער דיא יסודות פון גע־

דר. לאנדעס „געזונד און לעבען" דארף יעדער לעזען.

איהר געפינט עס אויף יעדען סטענד.

זעלשאפטליכען לעבען. דיא מאטטא איז געווען: „איך זעה ניט, מען טאר ניט זעהען, מען דארף ניט זעהען״. ניט ווילענדיג, איז דיא געזעלשאפט גענויטיגט געווארען צו עפענען איהרע אויגען. ביסליכווייז, לאנגזאם מיט טריט פון א צערעפאכע, מאכט דיא געזעלשאפט פארשריט אין דיא אנגעלעגענהייט. אבער וויא פיעל בראווע קעמפפער האבען געווידמעט זייערע לעבענס, זייערע קאריערען, זייער צייט און געזונד ארייצוברייגגען אביסעל שכל און פערנופט צווישען דעם גרויסען עולם? זייער צאהל ווערט גרעסער פון טאג צו טאג און אונערמידעט טהוען זיי זייער ארבייט.

אין דיא לאנגע יאהרען פון פינסטערניס און אונוויסענהייט האבען זיך דיא „מלאכי חבלה״ געטהון זייער ארבייט. ד׳ר לאנדעס וועט* אייך דא איבערגעבען עטליכע אויסציגע פון פערטרויבארע רעפארטען אייך אויסציגע פון בעריהמטע מענער וועלכע וועלען אייך צייגען געוויסער מאסען וויא וויט דיא אללע קראנקהייטען, דיא פריכטע פון אונוויסענהייט, זיינען פערשפרייט. (וועגען דיא קראנקהייטען פון שלעכטע געוואהנהייטען לעזט ד׳ר לאנדעס „זינד געגען דיא נאטור״ „דער פערפיהרטער״ „מאן און פרוי״).

מען וואלט געקענט שרייבען א גאנצען בוך וועגען דעם וויא יעדע שיכטע פון געזעלשאפט, איבער דיא גאנצע גרויסע וועלט איז פערפעסטעט; אבער ד׳ר לאנדעס וועט זיך בעגניגען מיט בלויז עטליכע אויסציגע. אין זיין בוך „דיא אויסגעוואסענע וועלט״ וועלכען ד׳ר לאנדעס האלט אין פארבערייטען וועט דער געגענשטאנד נאך א מאהל בעריהרט ווערען. ערשט פון אלעמען וועט אייך ד׳ר לאנדעס געבען דיא פריכטע פון זיינע אייגענע ערפאהרונג פאר דיא לעצטע 25 יאהר אין האספיטעלער און זיין אייגענעם אפיס. פון זיין ערפאהרונג דיינקט ער, דאס ער איז בערעכטיגט צו זאגען, דאס דיא טויזענדע פאציענטען וועלכע ער האט בעהאנדעלט און בעהאנדעלט זיינען פון אללע שיכטען פון געזעלשאפט. ער דריקט זיך פיעל מאהל אויס מיט א טרויעריגען שמייכעל „דאס אם ווייניגסטען אין ווענערישע קראנקהייטען עקסעסטירט קיין ניט קלאסען אונטערשייד״, עבען וואס איז ארויס

דורך ערנסטע ארבייט האט דר. לאנדעס זיין סוקסעס, 140 איסט 22טע סטריט איז זיין אפיס און אדרעס.

פון אפים א רייכער מאן, און באלד נאך איהם פאלגט אן ארעמער ארבייטער. ביידע קראנקע מיט דיא זעלבע קראנקהייט, וועלכע קומט פון דיא אלגעמיינען קוואל: אונוויסענהייט אונפארזיכטיגקייט, און אונקאנטראלירטע ליידענשאפט. אמת, איין זאך קען ד׳ר לאנדעס ניט פערפעהלען צו זאגען דאס מעהר פון 50 פראצענט פון סיפילים ביי דיא ארעמע קלאסען קומט פון ניט ווענערייטע קוועלען. ביי דיא רייכע וועדער מעהר פון 90 פראצענט שטאמט פון ווענערישע קוועלען.

ד׳ר לאנדעס ווערט דא דערמאהנען דיא אויסגעלאסענע פרויען, וועלכע ווערען בעהויפטעט ביי פיעלע וועלכע ווילען רעפארמירען דיא וועלט דורך תפילות, דאס זיי זיינען דער הויפט קוואל און אורזאכע פון אלע צרות. געוויס מען קען ניט אפלייקענען דאס דיא אומגליקליכע פרויען זיינען קראנק און וויא איינער האט זיך א מאהל אויסגעדריקט: „אללע פראסטיטוטקעס זיינען קראנק דיא מעהרסטע צייט פון זייער לעבען, און דיא זיינען קראנק אויף זייער גאנצען לעבען“. אבער עס איז ניט ריכטיג צו בעהויפטען, דאס זיי זיינען דיא איינציגע וועלכע זיינען שולדיג אין דעם וואס סיפילים איז אזוי פערשפרייט. פון וואנעט שטעקען זיי זיך אן מיט סיפילים אז ניט מיט א מאן מיט וועמען זיי פערקעהרען? (מעהר וועגען דעריין אין ד׳ר לאנדעס „אויסגעלאסענע וועלט“). א גוטער ענטפער דאפיר דיינקט ד׳ר לאנדעס איז, געוויסער מאסען, דער אנטווארט פון דיא גאסען פרוי אין „דעמעדזשד גודס“. א מאן פרעגט איהר, „זעהסט דוא ניט דיא אומרעכט אין דעם וואס דוא האסט פערקעהרט מיט מענער, ווען דוא האסט אזא אבשייליכע קראנקהייט?“ זיא ענטפערט, איך דארף מאבען א לעבען, און גיעב דער געזעלשאפט צוריק, דאס וואס זיא האט מיר געגעבען.

עס טהוט ד׳ר לאנדעס לייד, דאס צוליעב מאנגעל אין פלאץ קען ער דא ניט ברייננען אויסציגע וועגען עקסיסטירענדע אומשטענדען אין איראפא און אללע אנדערע וועלט טהיילען אין איינצעלהייטען. דיא אלגעמיינע הערשענדע אומשטענדען ווערען בעשריבען אין

וואס זיינען דיא בעסטע 10 זאכען אין דער וועלט?

דר. לאנדעס צעהן ביכער וועגען טהרת הגוף והמשפחה.

צווייטען קאפיטעל פון דיעזען בוך. דיא אומשטענדען וואס ווערען דא ווייטער בעשריבען זיינען פון אמעריקאנער לעבען, אבער ד״ר לאנדעס פערזיכערט דאס דיא זעלבע אומשטענדען עקסעסטירען איבעראל, אין אנדערע וועלט טהיילען זיינען דיא אומשטענדען אביסעל בעססער, אין אנדערע אביסעל שלימער. פרעזידענט עמעריטוס פון הארווארד אוניווערסיטעט דריקט זיך אויס וויא פאלגענדעס אין זיינעם אן ארטיקעל, וואס האט ערשיענען נאוועמבער 12טען, 1910 אין „באסטאן הערעלד“, איינעם פון דיא עלטססטע און אנגעזעהענססטע צייטונגען אין ניו־אינגלאנד סטייטס:

. . . „פאר דיא לעצטע 65 יאהר האב איך געמאכט בעאבאכטונגען אלס מענש וואס איז ניט קיין דאקטאר. דורך דער צייט בין איך געקומען אין בעריהרונג מיט טויזענדע אמעריקאנישע יונגע מענער, און האב געהאט דיא געלעגענהייט צו זעהען דעם עפעקט אוןווירקונג פון דיא „געזעלשאפטליכע מגפה“. אויף זייערע קאריערען אין ביזנעס פראפעסיאנעלען און פאמיליען לעבען. דאס איז עטוואס וואס אטאקירט אויף דעם גרויזאמסטען אופן דאס וואס האט געדארפט זיין דיא הייליגסטע—דיא פאמיליע.

ווען איך בין געוועזן אין אייראפא האב איך געקריגען געוויסע סטאטיסטיקס פון רעקטארען אין קאלעדזשעס וועגען דיא אומשטענדען אין קאלעדזשעס: איהר וואלט זיין ערשטוינט ווען איך וואלט זיי פערעפענטליכען; איך וועל עס אבער ניט טהאן. אין דזשארנאל אוו אמעריקאן פאבליק העלטה אסס׳ן פאר מאנאט מארטש 1911 זייטע 166 געפינט איהר דיא פאלגענדע אויסציגע:

1) דיא סטאטיסטיקס צוזאמענגעקליבען אין 1908 יאהר בײ דיא פרעזידענטס האומ׳ס קאמיסיאן (א קאמיסיע בעשטימט פון פרעזידענט אויסצופארשען דיא אנגעלעגענהייטען) צייגען דאס פון דיא 274,611 פאציענטען וועלכע זיינען בעהאנדעלט געווארען אין דיא פרייע שטאדט האספיטעלער פון וואשינגטאן דיסטריקט אוו קאלאמביא, זיינען געוועזן 27,947 פעלער פון וועגערישע קראנקהייטען.

2) אין 1901 יאהר האט די מעדיקאל סאסייעטי פון ניו־יארק

דיא נערווען פון מענשען האבען א טעלעגראף־סיסטעם,
דר. לאנדעס בעהאנדלונג איז גוט און בעקוועם.

אויסגעקליבען א קאמיסיאן פון זיבען וועלכע האבען געזאלט אויס־פארשען און קלייבען סטאטיסטיק וויא ווייט וועגערישע קראנקהייטען זיינען פערשפרייט אין ניו־יארק און אומגעגענד. דיא קאמיסיאן האט בעהויפטעט דאס ניט ווינציגער פון 243,000 פעלער פון וועגערישע קראנקהייטען זיינען בעהאנדעלט געווארען דורכ'ן יאהר. אין פערלויף פון זעלבען יאהר זיינען געוועזען בלויז 41.585 פעלער רעפארטירט געווארען צום באָרד אוו העלטה פון אללע אנדערע אנשטעקענדע קראנקהייטען צוזאמען גענומען:

מאזלען	12.570	קייסעס
דיפטעריטעס	11.001	"
טובערקולאזיס	8.877	"
סקארלעט פיבער	7.787	"
טשיקען־פאקען	99	"

אין אנדערע ווערטער, דיא צאהל פון וועגערישע קראנקהייטען איז 6 מאהל גרעסער וויא פון אללע אנדערע וועגערישע קראנקהייטען גע־רעכנט צוזאמען".

דר. פּ. א. מאראוי, וואס האט זעהר פיעל געשטודירט און גע־שריבען וועגען דיא פראגע בעהויפטעט דאס מעהר וויא צעהן פּרא־צענט פון אללע מענער וועלכע הייראטהען גיבען איבער זייערע פרויען אנשטעקיגע געשלעכטליכע קראנקהייטען.

ער בעהויפטעט אויך פון זיין ערפאהרונג אין ניויארקער האספּי־טעלער דאס מעהר וויא 70 פּראצענט פון דיא פרויען וועלכע זיינען געקומען פאר בעהאנדלונג, זיינען געוועזען אנשטענדיגע פערהייראטעטע פרויען וועלכע זיינען אנגעשטעקט געווארען פון זייערע מענער.

דיא ניויארקער קאמיטע פון זיבען וועלכע ווערט פריהער דער־מאהנט, קומט צום בעשלוס דאס כמעט מעהר פון 30 פּראצענט פון וועגערישע קראנקהייטען אין פרויען אין פּריוואט פּראקטיס ווערען אנ־געשטעקט פון זייערע אייגענע מענער. דיא „לײדיעס האום דזשורנאל" א צייטשריפט וועלכע ווערט געלעזען ביי מעהר וויא א מיליאן פרויען פון אללע געזעלשאפטליכע שיכטען, דריקט זיך אויס אין אן ארטיקעל

דר. לאנדעס איז גרויס אין שרייבען,

אויך קראנקהייטען קען ער זיכער פערטרייבען.

זענען ווענערישע קראנקהייטען: „דיא טראגעדיעס פון פערהייראטען לעבען זיינען ניט קיין פוסטע מעשיות, זאנדערן טרויעריגע שוידערליכע פאקטען". „גאנאריע אין פרויען איז איינע פון דיא אפטסטע אורזאכען וואס פרויען האבען ניט קיין קינדער. וויא אנדערע מעדיצינישע אוטא־ריטעטען בעהויפטען איז גאנאריע (אויספלוס) דיא אורזאכע פון 20 ביז 40 פראצענט פרויען־קראנקהייטען אויף וועלכע מען מוז אפערירען

ד"ר שוואן א. בארנעטט, פראפעסאר פון אויגען קראנקהייטען אין דזשארדזשטאון אוניווערסיטי, בעהויפטעט דאס אם וויניגסטען 15 טויזענד פון דיא 50 טויזענד בלינדע פון דיא פעראייניגטע שטאטען, זיינען בלינד דורך דעם וואס זיי זיינען אנגעשטעקט פון זייערע אומ־שולדיגע אבער דאך קראנקע מוטערס. פון דיא רעפארטען און דיא רעפארטען פון פיעלע דאקטוירים וועלכע פערנעהמען זיך אויסשליס־ליך מיט פריוואט פראקטיס וועלכע ווערען קיינמאהל ניט פערעפענט ליך קען מען זעהען וויא גרויס דער אמת'ער שאדען איז.

געוויס פיעלע אינפארמאציאנען וועגען דיא ריכטיגע אומשטענ־דען ווערען צוריק געהאלטען צוליעב דיא הערשענדע עטיקעט ביי דיא דאקטוירים וועלכע פערבאט זיי צו פערעפענטליכען געוויסע איינצעל־הייטען. ריכטיגע אויסקינפטע אין אללע איינצעלהייטען קען מען קריי־גען פון דיא ארמייען פון פערשיעדענע לענדער וועלכע זיינען אונטער־װארפען צו שטרייננגע מיליטעריש מעדיצינישע אויפזיכט. דער הערשענ־דער צאהל פון אנשטעקענדע קראנקהייטען דארף אבשוידערען יעדען דענקט דיינקענדעם מענשען, איבערהויפט נעהמענדיג אין אנבעטראכט דאס דיא סאלדאטען זיינען דיא יונגע בעסטע קראפט פון דער נאציאן וועלכע געהען נאך זייער דיענסט צוריק אהיים, הייראטהען בעזעצען זיך צולאנד און דארפען פארזעצען דיא ראסע. איבערהויפט זיינען שרעקליך דיא אומשטענדען אין דיא אמעריקאנער ארמיע און נייוויע וויא איהר וועט זעהען אין דיא קומענדע טאבעלען.

דיא אללע טאבעלען זיינען ענטנומען פון א געדרוקטען רעפארט פון קאנגרעסס וועגען „קאנטיעז" אנגעלעגענהייטען, וועלכע איז אפגע־

ווען איהר וועט דר. לאנדעס אדרעססע געדענקען,

וועט ער אייער פערלארענע קראפט אייך שענקען.

האלטען געווארען אין קאנגרעס יאנואר 9־טען 1913. וויא אויך אין בעוואסט, אונטער דעם „קאנטיען" מיינט מען א פלאץ אין יעדע אר־מאריע (קאזארמע) וואו אלקאהאלישע געטרענקע ווערען פערקויפט און וועלכע דיענט אויך אלס קלאב פאר דיא סאלדאטען. פאר יאהרען לאנג האט דער „קאנטיען" עקסעסטירט אין אמעריקאנער ארמיע אונ־נעשטערט, ביז גאטפירכטיגע ווייבער האבען זיך גענומען מיט אלע כחות און האבען אזוי פיעל געקערט וועלטען דאס מען האט דעם „קאנטיען" אבגעשאפט. דיא געזונדהייט אומשטענדען אין דער ארמיי האבען זיך שטארק פערשלימערט נאכדעם. דיא סאלדאטען זיינען געווארען פיעל ערגער, דיא צאהל פון אלקאהאליקער און וועגעריש־קראנקע האט זיך פערדאפעלט. סאלדאטען זיינען אזוי וויא קינדער און אזוי שנעלל וויא זיי נעהען אוועק פון לאגער אדער ארמאריע אין שטאדט פערגעסען זיי „וואו זיי האלטען" און פערגעסען זיך מאנכע מאהל אפילו צוריק צו קעהרען. צוליעב דיעזע ארזאכען האבען זיך געגרינדעט פיעלע סאסייע־טים וועלכע האבען פיעלעס געטהאן און געפאדערט דעם קאנגרעסס ער זאל צוריקציהען דעם ביLL וועלכער האט פערבאטען „קאנטיענס".

צווישען דיא אללע רעפארטען איז דא א פעטישאן צום קאנגרעס אונטערגעשריבען ביי מעהר וויא דריי הונדערט פון דיא בעריהמטסטע דאקטוירים אין אמעריקא. זיי אלע צייגען דיא שאדען פון ניט האבען „קאנטיענס" און פאדערען דאס זיי זאלען ווידער נעעפענט ווערען. אונדירעקט צייגען זייערע טאבעלען און סטאטיסטיקס וויא וויט פער־שפרייט דיא וועגערישע קראנקהייטען זיינען אין אללע ארמייען און איבערהויפט אין דיא אמעריקאנער. צווישען דיא 300 דאקטוירים זיי־נען פראפעסארען אין דיא בעסטע אמעריקאנער מעדיצינישע קאלעד־זשעס און ספעציאליסטען אין געשלעכטליכע און נערוועזע קראנקהייטען.

דיא פאלגענדע טאבעללע איז פערעפענטליכט פון סורידזשאן דזשענעראל וועגען וועגערישע קראנקהייטען אין אללע ארמייען פון דער וועלט, נאך דיא לעצטע ערהאלטענע רעפארטען.

דר. לאנדעס היילט מענער און נערווען קראנקהייטען

פאר דיא לעצטע פינף און צוואנציג יאהר.

ארמיע	צייט	פער טויזענד
באווארישע	1909	14.8
פרייסישע	1910	20.6
פראנצויזישע	1909	23.4
יאפאנעזישע	1909	25.01
רוסישע	1909	47.09
עסטרייך-אונגארישע	1910	55.2
בריטישע (איינגלאנד)	1910	65.5
שפאנישע	1910	73.28
פארטוגעזישע	1909	85.52
פעראייניגטע שטאטען (לאנד)	1911	145.29
פעראייניגטע שטאטען (נייוויע)		183.56

סורדזשאן דזענעראל טאורניע אין זיין רעפארט ערשטען דזשולאי 1910 זיים 59 דריקט זיך אויס וויא פאלגענדעס:

דער געפאהר פון וועגערישע קראנקהייטען איז צו היינטיגען טאג דיא וויכטיגסטע פראגע וועלכע בעריהרט דיא ארמיי. ניט אונזער נאציאנאלער אפטימיזם אויך ניט דיא נייגונג פון דיא אנגלא-סאקסאנער (אמעריקאנער אין איינגלענדער) ניט צו ריידען פון זאכען וועלכע בעריהרען דיא פאלשע בעשיידענהייט פון פובליק קענען מעהר אלס אויסרייד ניט צו בעריהרען און בעשפרעכען דיא אנגעלעגענהייט עפענטליך און וויא מען דארף . . . זייט די שפאניש אמעריקאנער מלחמה. (פון וועלכע צייט מען האט אנגעפאנגען צו האלטען נענויע סטאטיסטיקס) האלט דער צאהל פון דיא קראנקהייטען אין איין פערגרעסערן. אין 1897 איז דער צאהל פער הונדערט געווען ארום 9 פראצענט, יעצט אין 1910 איז עס ארום 20 פראצענט.

דאס מיינט פשוט, דאס צווישען דיא יאהרען 1904—1910 האט יעדען יאהר מעהר וויא איין פינפטעל פון דיא גאנצע ארמיע געליטען פון וועגערישע קראנקהייטען.

פערגלייכענדיג דיא קליינע צאהל פון אונזער ארמיי מיט דיא

דורך דר. לאנדעס בעהאנדלונג מיט עלעקטריציטעט ווערט אבגעצויגען דיא קראנקהייט ווי מיט א מאגנעט.

גרויסע יוראפייאישע ארמייען, און נעהמענדיג אין אנבעטראכט דיא אונגעהייער גרויסען פראצענט פון װענעריש קראנקע איז עס װירקליך שווידערהאפט.

דיא טאבעלע צייגט עס אם בעסטען:

אמעריקאנישע	ארמיע	19.1
בריטישע	„	7.6
עסטרייך־אונגארישע	„	5.4
פראנצויזישע	„	3.5
פרייסישע	„	1.9
באוואַרישע	„	1.5

אלם שלום צו דיא אללע אויסציגע גיעט ד״ר לאנדעס איבער דיא ווערטער פון איינעם פון דיא קאנגרעס־לייטע, וועלכע זיינען געווען אין דיא קאמיטעט וואס האבען בעהאנדעלט דעם ביל וועגען קאנטיענס. זיינע רייד זיינען זעהר ריכטיג און פערניפטיג. ווען אללע מענשען וואל־טען אזוי פיעל בעגרייפען וואלט די וועלט געהאט אנאנדער פנים.

דאס איז וואס האנארייבעל דזשוליוס קאהן, קאנגרעסמאן פון קאליפארניע האט געזאגט:

דיא פראגע פון װענערישע קראנקהייטען אין אלגעמיין און (סיפילים) איבערהויפט איז א זעהר ערנסטע פראגע. עס איז מעהר ערנסטער איבער דיא טרויעריגע פאלגונגען. עס איז איבערצייגט גע־ווארען, דאס „לאקאמאטאר אטעקסיא" און „פארעזים" שטאמען פון (סיפילים) און דאס דיא קראנקהייטען קענען זיך ענטוויקלען 20 יאהר נאכדעם וויא דער סאלדאט איז אנגעשטעקט געווארען מיט די וועני־רישע קראנקהייטען. אין דיא 20 יאהר האט ער פערלאזען דיא ארמיי, האט געהייראטה און אויפגעצויגען א פאמיליע.

ער דערמאהנט אבער גאר ניט פון דעם געפאהר און שאדע וואס דער זעלבער און פיעלע אנדערע טהוען אויף פערשפרייטען דיא העסליכע קראנקהייטען אין זייערע קרייזען פון וואנעט זיי זיינען געקומען.

זיעבעטער קאפיטעל

וויא סיפיליס ווערט פערשפרייט און דיא טרויעריגע פאלגונגען.

אין איינעם פון דיא פריהערדיגע קאפיטלען בעשרייבט ד״ר לאנדעס אין איינצעלהייטען דיא שטופען אין סימפטאמען פון סיפיליס. ער דערמאהנט אויך מאנכע פון דיא וועגען וויא סיפיליס ווערט פערשפרייט. ד״ר לאנדעס גלויבט און איז איבערצייגט דאס סיפיליס וואלט פאר קיין פאל ניט געהאט געטריבען אזעלכע טיפע ווארצלען וויא עס האט געטריבען ווען דיא פובליק וואלט געוואוסט פון דיא קראנקהייט און וויא עס ווערט פערשפרייט. צוליעב דיא וויכטיגקייט דאפאן ווידמעט ער דיא אנגעלעגענהייט א גאנצען קאפיטעל וועלכער ער האפט איהר וועט אופמערקזאם לעזען און פון וועלכען איהר וועט פיעלעס לערנען.

סיפיליס איז א קראנקהייט וועלכע קען בלויז פעראורזאכט ווערען דורך אנשטעקונג מיט סיפיליטישע גיפט וועלכע ווערט ענטנומען פון א סיפיליטישען וואונד. דיא גיפט איז זעהר שטארק און ענטהאלט אין זיך דעם גיפטיגען כאראקטער א לענגערע צייט נאכדעם וויא עס קומט ארויס פון וואונד. פון אנדערען קאפיטעל געדיינקט איהר דאך געוויס דאס דיא גיפטיגקייט פון דיא סיפיליטישע פליסיגקייט איז אבהייננונג פון דיא „ספייראקיטס פאלידע״. אין מייסטע פעלער ווערט מען אנגעשטעקט מיט סיפיליס דורכ׳ן געשלעכטליכען פערקעהר, און דאריבער דער פלאץ פון ערשטען וואונד, (דער שאנקער) איז 90 פראצענט פון אללע פעלער וועלכע קומען צו א ד״רס אויפמערקזאמקייט זיינען אין דיא נאכבארשאפט אדער אויף דיא געשלעכטליכע ארגאנען פון דעם מאן אדער פרוי. ווירקליך דיא שטוינענדע צאהל פון אזוי פיעל פעלער פון שאנקער אין יענע קערפער טהיילען האבען געוויסער

צו רייניגען און רעגולירען דיא מענשליכע בלוט,

איז עלעקטריישע בעהאנדלונג זיכער און גוט.

מאסען פערבעהאלטען פון דיא עטליכע וואס זיי ווייסען יא עפּיס פון דיא קראנקהייט, דעם פאקט דאס סיפילים איז א כראנישע אנשטע־קונג וועלכע קען זיך אנפאנגען אין וועלכען ס'איז פלאץ וואו דיא הויט איז צובראכען און וואו דיא גיפט קומט אין בעריהרונג דאמיט. א' אמת איז עס גאר ניט זעלטען פאר מענשען זיך אנצושטעקען מיט סיפילים ניט דורך געשלעכטליכען פערקעהר. צוליעב דיא אונוויסענ־הייט וואס הערשט אין דיעזע אנגעלעגענהייט און צוליעב דעם וואס אפילו דיא וואס ווייסען שוין יא אביסעל דיינקען עס פאר אויסשליס־ליכע ווענערישע קראנקהייט, ווערט דיא אנשטעקונג אזוי לייכט פער־שפּרייט. דיא קראנקהייט דורך פערשפרייטונג קען אלזא צוטהיילט ווע־ען אין 1) ווענערישער סיפילים, דער וועלכער קומט דורך געשלעכ־טליכען פערהעהר 2) סיפילים אינסאנטיום, סיפילים פון אונשולדיגע, וועלכער קומט דורך פערשידענע קוועלען, וועלכע ווערען שפעטער בע־שפראכען אין איינצעלהייטען. 3) סיפילים וועלכער ווערט איבערגעגע־בען פון עלטערען צו קינדער און וועלכע קען פאסירען אוים דריי אופנים:

א) דאס קינד ווערט אנגעשטעקט נאכדעם וויא עס ווערט גע־בארען דורכגעהענדיג דיא געבורטה טהיילען פון דיא מוטער, אדער דורך דיא בריסטען, דורך אפענע וואונדען וועלכע געפונען זיך אויף דער מוטערס קערפער: עס פאסירט אויך דאס דער פאטער שטעקט אן דאס קינד דורך קומען אין בעריהרונג מיט דאס קינד אויף וועלכען ס'איז אופן.

ב) דאס צווייטע געבורטיגע סיפילים, איז ווען דאס קינד ווערט אנגעשטעקט אין דער צייט וואס דיא מוטער איז אין אנדערע אומ־שטענדען און דאס קינד ווערט אין פאלגונג דערפון אויך אנגעשטעקט.

ג) דאס דריטע איז ערביגע סיפילים, ווען דיא אנשטעקונג פאנגט זיך אן צו דער זעלבער צייט ווען דער ספּערמאטאזאן און „אוואום" (אייעלע) קומען זיך צונויף אין מוטער לייב. דיא אנשטעקונג קען קו־מען פון וועלכען ס'איז צד. דיא ספּיראקיטס געפינען זיך אין דיא ספּערמאטאזאנס אין דיא „אוואום" מאנכע מאהל איןביידע. (וואס „ספּערמאטאזא" זיינען לעזט „דער מענש", „מענער פריינד", וויא

דער מאגען, דער לעבער און אנדערע טהיילען,
קען דר. לאנדעס זיבער איסהיילען.

ספערמאטאזא און אוואום טרעפען זיך. לעזט ד'ר לאנדעס „מאן און פרוי" וואו אלעס ווערט ערקלעהרט אין איינצעלהייטען).

װענערישער סיפיליס, איז דיא פארמע וועלכע קומט מעהרסטענס פאר אין דיא ציוויליזירטע לענדער. דיא אנדערע זיינען פערהעלטניס־מעסיג זעלטענער אבער דאך שטריינג און אפט גענוג וויא איהר וועט שפעטער זעהען. אין דיא ניט ציוויליזירטע לענדער וויא כינא, רוסלאנד, פערשיעדענע טהיילען פון אזיא און אפריקא, הערט מען מעהר פון ניט ווענערישען סיפיליס. אין יענע לענדער פאסירט אויך מעהר אפטער עפידעמישע אויסברוכען פון סיפיליס, וועלכע בושעווען פאר א קורצע צייט און הערען אויף פון זיך אליין. דערפאר אבער פאסירט דארטען זעהר זעלטען דיא נערוועזע פאראליטישע פארמען פון סיפיליס וויא „לאקאמאטאר אטעקסיא" און „פארעזיס". צו דיעזע קראנקהייטען זיי־נען בלויז מסוגל אונזערע ציוויליזירטע מענשען ביי וועמען דיא נערוועזע סיסטעם איז שטארק ענטוויקעלט און ביי וועמען עס ווערט אויך לייב־טער צושמעטערט און נעהט שנעללער ארויס פון ארדער. ווען מען נעהמט אין אנבעטראכט דאס וויא געוויסע מענער וואס האבען גע־ווידמעט זייער גאנצען פראפעסיאנעלען לעבען צו דיעזע פראגע בע־הויפטען, דאס צוויי דריטעל פון אללע אויסגעלאסענע פרויען ליידען פון סיפיליס, קען מען לייכט פערשטיין, דאס א גוטער פראצענט פון סיפיליטישע פעל"ר שטאמט פון ווענערישע קוועלען. (מעהר וועגען דעריין אין ד'ר לאנדעס נייער בוך „דיא אויסגעלאסענע וועלט" וועל־כע וועט קירצליך ערשיינען.)

דער ניט ווענערישער סיפיליס, איז דער מלאך החבלה וואס טהוט אויף מעהר שאדען וויא ווער ס'איז קען פערדאכטען. ד'ר לאנ־דעס פון זיינע אייגענע ערפאהרונג ביי זיך אין אפיס 140 איסט 22טע סטריט און פון זיינע ערפאהרונג אין ניויארקער האספיטעלער בע־הויפטעט דאס מעהר וויא 50 פראצענט פון אידען, וועלכע קומען אונ־טער זיין אויפזיכט ליידען פון ניט ווענערישען סיפיליס. ווי ווערט ניט ווענערישער סיפיליס פערשפרייט? א גוטע תשובה, איז אנאנדער פרא־גע „וויא ווערט עס ניט פערשפרייט?

ווען דר. לאנדעס בעהאנדעלט און קורירט

דאן איז דיא היילונג זיכער גאראנטירט

דער אפטסטער קוואל פון פערשפרייטונג סיפילים איז דיא ליפען.

ד״ר לאנדעס האט געשריבען אין אנאנדער קאפיטעל וועגען דעם וויא סיפיליטישע אלסערס נעהמען פלאץ אין גומען אין צונג. (דאס ווערט געצייגט אויף דיא וואנדערבארע וואקס פיגורען וועלכע איהר קענט זעהען פריי אין ד״ר לאנדעס געזונדהייט אויסשטעלונג אין 44 דילענסי סטריט). פון דיא וואונדען ווערט דער גיפט פערשפרייטען מייסטענס דורך קוססען זיך אין איבערהויפט דורך וועלכע ס׳איז אינ־סטרומענטען און זאכען וועלכע קומען אין מיילער פון פערשיעדענע מענשען.

ד״ר בולקליע, א בעריהמטער לאנדאנער ספעציאליסט, וועלכער האט געמאכט א ספעציעלע שטודיום פון דיא אורזאכען פון אנשטע־קונג דורך ניט וועגערישע קוועלער איז געקומען צו דעם בעשלוס: דאס דיא שאנקערס אויף דיא ליפען זענען דיא אפטסטע וויא ערגעץ אנ־דערש און דאס זיי ווערען פעאורזאכט דורך קושען זיך, דורך שאנקערס אויף דיא בריסטען און שאנקערס אויף דיא ניפעלס פון דיא בריסטען. דער זעלבער ד״ר באלקליע אין זיינע סטאטיסטיקס פון 9058 קייסעס פון ניט וועגערישע סיפילים צייגט דיא פאלגענדע:

571 קייסעס אויף דיא טאנסילס
734 „ אין דעם מויל
99 „ אויפ׳ן צונג און גומען

סך הכל 1504 ארום דעם מויל און דיא טהיילען נאהנט דערצו. ד״ר ד״ארציע פאויער, איין עהרען מיטגליעד פון קעניגליכען קאלעדזש פון בירורגען אין לאנדאן זאגט אין זיינעם א ווערק וועלכער איז געדרוקט מיט עטליכע יאהר צוריק, דאס ער האט באמערקט עטליכע פעלער פון סיפילים אין אידישע קינדער וועלכע זיינען געקומען דורך „מציצה״, נאך דעם וויא מען האט זיי מל געוועזען.

ד״ר לאנדעס, אבוואהל וויסענדיג דאס דיא אידען אין אמעריקא זיינען פראגרעסיוו אין דיעזען הינזיכט און דער בארבארישער מיטעל פון מכבד זיין מיט „מציצה״ איז אויסגעשפיעלט, דאך געפינט ער פאר נויטיג צו מאכען א קליינע בעמערקונג דעריבער. ער וויס דאס זיינע

„מאן און פרוי״ פון דר. לאנדעס פערפאסט,

וועט עמפפאנגען ווער׳ען אלס א גוטער גאסט

ניבער קומען אין פיעלע וועלט טהיילען איבערהויפט אין רוסלאנד, גאליציען און רומעניע וואו מען איז ניט אזוי פראגרעסיוו וויא אין אמעריקא. מילה איז זעהר א גוטער מנהג, עס פערהיט פיעל קראנקהייטען וועלכע זיינען דיא אורזאכען פון א שטייפען פארהויט, אבער אבסאלוט ריינליכקייט מוז געבריכט ווערען, שוין ניט ריידען דערפון פון צולייגען ווערמעס ס'איז מויל צו אן אפענעם וואונד.

א מאהל ווען דיא מאטעריאל צו פאקען שטעלען פלעגט נענר מען ווערען פון איין מענשענ'ס קערפער־וואונדען צום אנדערען, ווערט דערמאנט אין מעדיצינישע ליטעראטור שעהנע עטליכע פעלער וויא צוזאמען מיט דיא פאקען מאטעריאל פלעגט אויך איבערגעגעבען ווערען סיפילים. נור צו היינטיגע צייטען, ווען דיא „וועקסין" ווערט פערפערטיגט צוערשט אין קעלבער, נאכהער אין העזער, און ווערט ערשט נאכהער טיכטיג אויסגעפרובירט דורך א מיקראסקאפ און דורך איינשפריצונגען אין לאבאראטארישע חיות, איז ניט דא וואס מורא צו האבען אין דיעזען הינזיכט. עס זיינען דא פיעלע פעלער, וואו אנשטעקונג איז איבערגעגעבען דורך פיפקעס, לעפעל, גאפעל, מעסער, האנדטוכער, זייף, ספאנדזשעס, אונטערוועש, רייזארס, (ראזיער מעסערס) דורך ניט ריינע אינסטרומענטען ביי דאקטוירים און דענטיסטען.

ד"ר לאנדעס וואלט וועלען אויפמערקזאם מאכען דעם פובליק איבערהויפט דיא וועלכע, צוליעב וועלכע ס'איז אורזאכע, צוליעב קארנקייט אדער ארימקייט, טראגען קליידער וועלכע אנדערע האבען פריהער געברויכט, צו זיין זעהר פארזיכטיג. פיעלע קראנקהייטען צווישען זיי אויך דיא ווענערישע קראנקהייטען ווערען אזוי איבערגעגעבען. ער דערמאהנט זיך איבערהויפט פון א פאל וועלכער איז נעקומען צו זיין אויפמערקזאמקייט ווען ער איז געוועזען אינספעקטאר ביי דיא באארד אוו העלטה. ד"ר לאנדעס האט בעזוכט ארעמע פאמיליע ביי וועמען דאס דריטטע קינד איז קראנק געווארען מיט סקארלעט פיבער. טעהר וואנדערבאר פון אלעס איז געוועזען דאס דיא קינדער זיינען קראנק געווארען ניט אכטענדיג דארויף וואס דאס קראנקע קינד פלעגט באלד אוועקגענומען ווערען אין האספיטאל און דיא הויז פלעגט ווערען

מענער קראנקהייטען קומען ניט פון בייזע גייסטער,

ד"ר. לאנדעס זיי אויסקורירען איז א מייסטער

פומיגירט. ד״ר לאנדעס, וועמעס פליכט עס איז געווען אויסצוגעפינען פון וואנעט די אנשטעקונג האט זיך אנגעפאנגען האט אויסגעפרעגט דיא מוטער, וועלכע האט זיך צולעצט דערמאהנט, דאס מיט א צייט צוריק האט זיא געקריגען א סך זאכען און קליידער פון א הויז וויא א קינד איז געשטארבען. ד״ר לאנדעס, האט נאכהער אויסגעפונען דאס יענע קינד האט געליטען פון סקארלעט, און די ארעמע פרוי׳ס קינדער פלעגען קראנק ווערען יעדען מאהל ווען זיי פלעגען זיך אנטהון דיא אנגעשטעקטע קליידער. דעריבער, וואלט אייך ד״ר לאנדעס ראטהען ליבערסט טראגען ציכטיגע ביללינע זאכען איידער טייערע פון אנדע־רענס קערפערס, אדער ווען איהר טראגט יא סעקאנד הענדיגע קליי־דער זאלט איהר זיי גוט אויסקאכען און רייניגען.

ד״ר לאנדעס וואלט אייך קענען ברייגגען הונדערטע ביישפיעלע פון ווענערישע און ניט ווענערישע אנשטעקונגען וועלכע ער האט ביי־געוואהנט אין זיין פראקטיק ער וועט זיך גענוגען מיט בלויז עטליכע. (אין הערבסט נומער „געזונד און לעבען״ ווערען אויך געבראכט פער־שיעדענע ביישפיעלע וויא אויך ד״ר לאנדעס ביכער „מענער פריינד״ „דער פערפיהרטער״ און „זינד געגען דיא נאטור״).

איין פריהמארגען איז צו ד״ר לאנדעס אין אפיס אריינגעקומען א יונגער מאן. ער האט געהאט אויף זיינע ליפען א קליינעם שאנקער. ד״ר לאנדעס האט עס גלייך דערקענט אלס סיפיליטישען שאנקער. דער דאקטאר האט איהם געפרעגט וויא אזוי ער האט עס געקריגען. דער יונגער מאן האט איהם דערצעהלט דעם ריינעם אמת. ער איז געווען אויף א מאסקעראד באלל און האט זיך פערבראכט און געטריבען שפאס מיט א פריילען פון צווייפעלהאפטען כאראקטער. אזוי וויא ער האט געמוזט פערלאזען דעם האלל פריה האט ער געוואלט איהר אדרעסע. צופעליגער ווייזע האט ער ניט געפונען זיין פענסיל און זיא האט איהם געגעבען איהרען א פענסיל. דער פענסיל האט ניט גע־שריעבען גוט און דער יונגער מאן האט עס אריינגעלייגט אין מויל עס פייכט צו מאכען. דער יונגער מאן האט דיא מיידעל מעהר ניט גע־זעהען, אבער אין דריי וואכען ארום האט ער בעמערקט דעם הארטע

צו רייניגען און רעגולירען דיא מענשליבע בלוט,
איז עלעקטרישע בעהאנדלונג זיכער און גוט

פרישטיק אויף זיינע ליפען און איז אוועק צום דאקטאר. ד״ר לאנדעס האט דעם יונגען מאן בעהאנדעלט און אין א קורצע צייט איהם רעכט געשטעלט. דאס זיינען בלויז עטליכע פון דיא טויזענדע פעלער וועלכע ד״ר לאנדעס האט בעמערקט, צווישען דיא ווענערישע פעלער וועלכע קומען יעצט צו זיין זכרון זייגען דיא פאלגענדע צוויי, וועלכע זיינען געקומען אין זיין אפיס פאר דיא לעצטע פינף־זעקס מאנאט.

דער ערשטער צייגט דיא פריין פון ביליגע פערגניגענס און דער צווייטער פאלגען פון פערנאכלעסיגען דיא שוידערליכע קראנקהייט. א יונגער מאן, פון אידישע עלטערען פון רוסלאנד איז געקומען קיין אמעריקא. אין דער היים, אין דיא קליינע שטעדטעל האט ער געפיהרט א פיינע ראלע, געווען גוט און פרום. וויא ער איז ארום פון דער היים, האט ער געדיינקט, דאס עס איז געקומען דיא צייט א לעב צו טהאן. ביז ער איז געקאמען אין האמבורג האט ער ניט געהאט קיין געלעגענהייט וויא ער האט זיך אויסגעדריקט: געניסען פון לעבען. אין האמבורג איז ער אוועק אין א שאנדע הויז צום ערשטען מאהל אין זיין לעבען. אין א פאאר טעג נאכדעם ווען ער איז געקומען אין ניו־יארק האט ער מיט אמאהל ענדעקט הארטע געשווילעכץ נעבען דעם מענליכען ארגאן. וואס האט ער געקענט טהאן? גרין, עלענד און פרעמד; ער האט ניט געוואסט זיך צו ווענדען. ענדליך האט ער זיך דערמאהנט אין ד״ר לאנדעס פון וועמען ער האט געהערט אין רוסלאנד און וועמעס ביכער ער האט געלעזען נאך דארטען. גערעדט און געטהאן. דעם נעקסטען אווענד איז ער געווען ביי ד״ר לאנדעס און זיך איבערגעגעבען אין זיינע הענד. ער ווערט בעהאנדעלט נאך יעצט און ד״ר לאנדעס האפט און איז זיכער דאס ער וועט באלד פאלקאם געזונד ווערען.

דער צווייטער פאלל איז געווען מיט איין אידיש אמעריקאנער יונגען מאן. זיין געשיכטע איז זעהר טרויעריג אבוואהל עס איז מעהר זיין שולד וויא ווער עס איז. א יונגער מאן אן אגענט פון נעה־מאשינען ארום 22 יאהר אלט האט געהייראט. פאמיליען לעבען אכפנים, האט איהם אויסגעזעהן צו שטיל און איין אבענד איז ער אוועק פון הויז

דיא נייעסטע און בעסטע עלעקטרישע מאשינען
קענט איהר ביי דר. לאנדעס געפינען.

ער איז אוועק אין א בילליגען דענסינג האלל. דארטען האט ער זיך
געטראפען מיט א וואוילע מיידעל מיט וועלכע ער האט פערבראכט
דיא נאכט. נעקסטען פריהמארגען האט ער געבראכט אן עקסקיוז און
געדיינקט דאמיט האט זיך אללעס געענדיגט. אבער זיינע צרות האַ־
בען זיך ערשט אנגעפאנגען. א מאנאט נאכדעם וויא ער האט זיך פער־
בראכט מיט דעם מיידעל, האט ער דיא הארטע געשווילעכץ געבען
זיין מענליכען ארגאן. ער האט קיינעם דערפון ניט דערצעהלט, קיינעם
ניט געפרעגט און האט זיך מיט קיינעם ניט בעראטהען. ער איז ניט
געגאנגען צו א דאקטאר. אונגליקליכערווייזע פאר איהם איז דער
שאנקער שנעלל פערשוואונדען און ער האט געדיינקט דאס ער איז
שוין פטור פון דיא קראנקהייט. ס'האט ניט פיעל צייט גענומען און
דיא קראנקהייט האט אויסגעבראכען אין איהר צווייטע סטופע. צו
דעם יונגען מאנ'ס קרעדיט מוז מען בעמערקען דאס ער האט מיט
זיין פרוי ניט געהאט קיין פערקעהר זייט דער ערשטער אויסשלאג. דיא
יונגע פרוי, וויא זיא האט אויסגעפונען דיא נאטור פון זיין קראנקהייט
האט איהם פערלאזען און ער האט געמוזט געהן צוריק צו זיינע על־
טערן. ווען ער איז געקומען צו ד"ר לאנדעס, איז ער געווען אין א זעהר
טרויעריגע לאגע. זיין מויל, גומען, אין טהייל פון האלדז זיינען געווען
ענטצונדען און שטיקער פון דיא אויבערשטע הייטעל זיינען געווען פשוט
אויסגעפרעסען שטיקער ווייז. בלויז מיט גרויס מיה האט ער געקענט
עסען און טרינקען, זיין שטימע איז געווען הייזעריג, און ער איז איינגע־
פאלען פון טאג צו טאג. פון ארבייט איז קיין רייד געווען. ער איז גע־
פאלען צו לאסט אויף זיינע אלטע עלטערן ביי וועמען ער איז געווען
דער איינציגער זוהן. ד"ר לאנדעס אלס מיטלייד האט אויפגענומען זיין
קייס, און מיט גרויס מיה און איבערגעבענהייט בעהאנדעלט ער איהם.
אבער וויא לייכטער וואלט עס געווען איהם צו היילען ווען ער וואלט
זיך ניט פערנאכלעסיגט און וואלט זיך געווענדעט אין צייט צו ד"ר
לאנדעס נאך הילפע. איין כלל האלט ד"ר לאנדעס אין אללע פעלער פון
סיפילים און אין אללע וועגערישע קראנקהייטען. יעדער פאציענט, צו ער
נעהמט אהן זיין קייס אדער ניט ווערט געווארנט פון כאראקטער פון

דער מאגען, דער לעבער און אנדערע טהיילען,

קען דר. לאנדעס זיכער אייסהיילען.

זיין קראנקהייט און פון דיא פעראנטווארטליכקייט צו זיך אליין, צו זיינע איינענע, און דיא געזעלשאפט אין אלגעמיין. עס ווערט אויך דערצעהלט פון דיא פאלגען פון פערנאכלעסיגען דיא קראנקהייט און זיך ניט ריכטיג אויפפיהרען. יעדער פאציענט אונטער בעהאנדלונג ווערט גע־געבען ריכטיגע דירעקשיענס וואס צו עססען, וואס צו טרינקען וויא אויפצופיהרען זיך צו פערהיטען דאס דיא קראנקהייט זאל זיך ניט פערשפרייטען אין נייע פלעצער און אויך וויא ניט צו פעראומגליקען דיא מענשען מיט וועלכע ער קומט אין בעריהרונג.

סיפילים אין קינדער אבוואהל עס ווערט גערעכנט ביי פערשי־דענע אויטאריטעטען ווי פון דריי פערשידענע פארמען, דאך ווערט פיעל מאהל מעהר גערעדט, אבוואהל ניט פינקטליך, אלס ערבינע סיפילים אדער סיפילים בּרושה. ד״ר לאנדעס וועט דא ווידמען א פאאר ציילען צו דיא פראגע וועלכע נאך איהר וויכטיגקייט האט גע־דארפט פעראינטערעסירען אללע געזעץ געבענדע אינסטיטושענס, און יעדען איינציגען רעכט דיינקענדען מענשען.

פיעלע פעלער פון ערבינען סיפיליס ווערען קיינמאהל ניט דיאג־נאזירט. דער איינציגער סימפטאם פון זיי איז דער טויטער קינד. דאס איז דער גליקליכסטער פאלל פון אללע. פאר דאס קינד יעדענפאלס אנאנדער מאהל, אבוואהל דאס קינד ווערט ניט געבארען מיט דיא בעשטימטע סימפטאמען פון דיא קראנקהייטען, דאך האט אזוי פיעל פערשידענע פעלערן און שלאפקייטען וועלבע זיינען דיא פאלגונגען פון סיפיליטישען אנשטעקונג. אנאנדער מאהל פאסירט עס דאס א קינד פון אנגעשטעקטע עלטערען ווערט געבארען פאלקאם געזונד און איז פריי פון אנשטעקונג פאר א געוויסע צייט, ביז עס ווערט ניט אנגע־שטעקט ביי איינעם פון דיא עלטערן. אזא קינד ווען עס זאל אוועק־גענומען ווערען פון דיא עלטערען וואלט מעגליך אויפוואקסען ניט קיין סיפיליטיקער. דיא מעהרסטע קינדער פון סיפיליטישע עלטערן וועלבע ווערען געבארען לעבעדיג האבען אויף זיך דיא סימפטא־מען פון סיפיליס אין צווייטע סטופע, א צוקארטשעטע, קופער רויטע הויט, וועלבע האלט זיך אין אבשיילען, אן אלסער אויפ׳ן ווינקעל פון

ווען דר. לאנדעס בעהאנדעלט און קורירט

דאן איז דיא היילונג זיכער גאראנטירט

מויל, ענצינדעטע אויגען אין אויער קראנקהייטען. מאנכע מאהל פאַסירט עס, דאס דיא צייכענס קען מען ניט זעהען, דערפאַר אבער איז דאס קינד בלוט זייער ארעם, וועלכע ענדיגט זיך מייסטענס מיט ענטצינדונג און קראנקהייטען פון דיא נירען, לעבער, צונג, מילץ, און זאַגאר דיא ביינער. דר. דז. ניומאן, אין זיין בוך „שטערבליכקייט צווישען קינדער" בעהויפטעט, דאס אַ קינד וועלכער ווערט געבארען אין א סיפיליטישע פאמיליע, אין ערשטען אדער אין צווייטען דור, איז ניט פאלקאם געזונד און ליידעט פריהער אדער שפעטער אין לעבען פון דיא פאלגונגען פון דיא סיפיליטישע גיפט וועלכע געפינט זיך אין זייער קערפער. פיעלע קינדער וועלכע שטארבען יונג פון וואס ווערט דיאגנאַזירט אלס בראנקיטיס. איז אן ערביגע סיפיליטישע ענטצינדונג פון דיא לונגען.

ערבליכע סיפיליס איז איינע פון דיא אורזאכען פון מפיל זיין און פון האבען טויטע קינדער. אנדערע בעהויפטען זאגאר דאס אין פיעלע פעלער איז אזוי הויך וויא הונדערט פראצענט.

ד'אוילנעי, רעקארדירט 19 טויטעס פעלע אין 19 געבורט פעלער. באלענטיין גיעט דיא דורכשניט פון זיין קלינישע און פריוואט פראקטיק אלס 46 פראצענט פון אבארטירען, און 42 פראצענט טויטע קינדער. פאורניער, דיא אוטאריטעט אויף דיעזע פראגען גיעבט דיא פאלגענדע טאבעלען:

אויב דיא אנשטעקונג האט פלאץ גענומען איידער דאס קינד איז פאלקאם פארמירט געווארען אין מוטער לייב איז דיא דורכשניט שטערבליכקייט 65 פראצענט און דיא צאהל פון דיא וועלכע ציינען דיא צייכען פון אנשטעקונג: 10 פראצענט.

אויב דיא אנשטעקונג פאנגט זיך אן נאכדעם וויא דאס קינד איז פארמירט געווארען איז דיא דורכשניט שטערבליכקייט 39 פראַצענט און דיא צאהל וואס ציינען צייכענס פון אנשטעקונג 72 פראצ.

ווען אנשטעקונג שטאמט פון פאטער איז דיא שטערבליכקייט 28 פראצענט; ווען עס שטאמט פון דער מוטער איז עס 60 פראצענט: און ווען עס שטאמט פוןביידען איז 85 פראצענט.

„מאן און פרוי" פון דר. לאנדעס פערפאסט,

וועט עמפפאנגען ווערען אלס א גוטער גאסט

דער זעלבער ד"ר פאורניער בעהויפטעט אויך דאס דיא דריי יאהר גלייך נאך דיא ערשטע אנשטעקונג זיינען דיא געפעהרליכסטע פאר דיא מוטער. ער זאגט אויך אין זיין ווערק: פון 90 פרויען וועלכע זיינען אנגעשטעקט געווארען דורך זייערע מענער און וועלכע זיינען שוואנגער געווארען דעם ערשטען יאהר נאכדעם, האבען 50 אבארטירט אדער געהאט טויטע קינדער, 38 האבען געבארען קינדער וועלכע זיינען גע־שטארבען קירצליך נאך זייער געבורט, בלויז צוויי פרויען האבען געבא־רען קינדער וועלכע זיינען געבליבען לעבען.

פון דיא אללע איינצעלהייטען קענט איהר לייכט זעהען וויא גע־פעהרליך דיא קראנקהייט איז. ווען עס ווערט פערנאכלעסיגט און ניט ריכטיג בעהאנדעלט. דיא טרויעריגע פאלגען דערפון, דארפען דיענען אלס ווארנונג צו יענע וועלכע ווערען אנגעשטעקט.

אכטער קאפיטעל

אלטע און נייע וועגען צו דיאגנאזירען און קורירען סיפילים. סאלווערסאן.

סיפילים, דיא קראנקהייט וועלכע איז אזוי אלט וויא דיא וועלט אליין איז איממער געוועזן אן אונוועלקאמער גאסט, צו יעדע צייט זיינען גענומען געווארען מיטלען עס אויסצוראטהען. וויא ד״ר לאנדעס דערצעהלט אין דריטען קאפיטעל פון דיזען בוך, האבען זאגאר דיא סקאטלענדער 315 טען יאהר הונדערט, פערשטאנען דעם אנשטעקונגען חאראקטער פון דיא קראנקהייט און האבען אנגענומען ראדיקאלע מיטלען דערפון פטור צו ווערען. אלזא דיא וועלט ראנגעלט זיך מיט דעם שונא שוין פאר הונדערטע יאהרען און קריעגט ניט דיא אויבערהאנד. אין געגענטהייל, פיעלע מאהל זעהט עס אויס וויא דער טייוועל קריעגט דיא אויבערהאנד און פערשפרייט טויט און קראנקהייט, רעכטס און לינקס. געוויסער מאסען דארף עס אויך ניט זיין קיין וואונדער: מעדיציינישע וויסענשאפט האט ביז א פערהעלטניס מעסיג קורצע צייט צוריק ניט געהאט קיין פעסטען באדען אונטער זיך. דזשאהן האנטער, איינער פון דיא גרעסטע מעדיציינישע אוטאריטען צו זיין צייט האט געלערנט און בעהויפטעט דאס גאנאריע, שאנקער, שאנקראיד, און סיפילים זיינען איין קראנקהייט. דער בעריהמטער רעקארד איז געוועזן דער, וואס האט ריין געמאכט דיא אטמאספערע פון צווייפעל און קאנפוזיאן וועלכע האט געהערשט אין מעדיציינישע קרייזען, און האט געצייגט דיא אונטערשייד צווישען סיפילים און דיא אנדערע ווענערישע קראנקהייטען, וועלכע זיינען ניט מעהר וויא לאקאלע (אויסערליכע) קראנקהייטען, פראפעסאר שוידינס ענטדעקונג פון ספיראקיטס האט פעסט געשטעלט דיא ספעציפישע אורזאכע פון סיפילים און האט געגעבען אגעלעגנהייט אויסצוגעפינען מיטלען צו היילען די קראנקהייט.

דיא בעהאנדלונג און היילונג פון סיפילים האט דיא לעצטע

צו רייניגען און רעגולירען דיא מענשליכע בלוט,

איז עלעקטרישע בעהאנדלונג זיכער און גוט.

צייטען געקריגען א גאנץ נייעם פנים. „סאלווערסאן" און דיא פערבעסערונג פון ערשטען „ניאסאלווערסאן" וועלכער מיינער נייער סאלווערסאן און דיא ערפינדונגען פון פראפעסאר עהרליך האבען איבערגעקערט וועלטען. ד״ר לאנדעס קאפירט דא אין פרייע איבערזעצונג דיא ווערטער פון ד״ר טשארלס ה. צהעטוואוד, איינער פון דיא בעריהמסטע אמעריקאנער דאקטויירים און כירורגען אין מענערליכע און אורינארישע קראנקהייטען אין וועלכער ער דריקט זיך אוים וועגען דיא נייע ערפינדונג.

פון דער צייט וואס „סאלווערסאן" און „ניע סאלווערזאן" זיינען ערפונדען געווארען האט זיך דיא גאנצע מעטהאדע פון בעהאנדלונג סיפילים זיך געביטען. מען קען כמעט זאגען, דאס מאכט ניט אוים וואס דער פאל איז, עס מאכט קיין אונטערשייד אין וועלכע סטופע עס איז, דיא ערשטע פראגע איז וויא שנעלל און וויא איז דיא בעסטע וועג צו געבען דעם פאציענט דעם נייעם הילפסמיטעל. מען דארף אבער ניט פערשטעהן דאס דיא אלטע און גוט אויסגעפרובירטע מיטלען טויגען ניט און דארף אין גאנצען אויפגעגעבען ווערען. גוטע ערפאהרענע ספעציאליסטען וויסען דאס פיעלע מאהל מוז מען בעהאנדלען דעם פאציענט מיטביידע מיטלען און אין אנדערע פעלער קען מען סאלווערסאן אין גאנצען ניט געברויכען.

דאס זיינען דיא ווערטער פון בעריהמטען ספעציאליסט פראפעסאר צהעדוואד, ד״ר לאנדעס פון זיין פיעלפאכיגע ערפאהרונג וויים דאס זעלבע און שטימט איין הערצליך מיט איהם. ד״ר לאנדעס וועלכער פערפעהלט קיינמאהל זיך איינשאפען מאדערנע אפאראטען און הייל מיטלען איז אין דעם הינזיכט אויך ניט געבליבען הינטערשטעליג. ער איז אבער ניט צוהיצט און טהוט ניט וויא אנדערע; אזוי שנעל וויא זיי דערהערען דעם ווארט „סיפילים", אהן אויספארשונגען, אהן ריכטיג אויסגעפינען, טהוען באלד אזאג „606". ד״ר לאנדעס געברויכט אללעס, וואס עס קען א פאציענט געזונד מאכען פאר אימער און מאכט איבער פיעלע מאהל איידער ער מאכט זיינע פעסטע בעשליסען און דיאגנאזען.

דער מאגען, דער לעבער און אנדערע טהיילען,

קען דר. לאנדעס זיכער אויסהיילען.

דער ערשטער און בעסטער מיטעל אין היילען סיפילים איז עס צו פ ע ר ה י ט ע ן. אזוי ווי סיפילים ווערט פערשפרייט דורך צוויי הויפט וועגען, וועגערישע, און ניט וועגערישע, דארף אויך דיא פערהיטונג קומען פון ביידע ריכטונגען. דאס בעסטע אום לייטע אויפ־צוקלערען און בילדען אין ערשטען הינזיכט איז בעשרייבען און דער־צעהלען דיא פובליק פון כאראקטער, פאלגונגען, און אויסזעהען פון דיא קראנקהייט און גרויסען געפאהר וועלכער איז פערבונדען פון ניט זויבערען געשלעכטליכען פערקעהר. אלס ווארנונג פאר ניט וועגערישע קוועלען פון אנשטעקונג איז דיא בעסטע פארזיכטיגקייט אין יעדע אנגעלעגענהייט און מעגליכקייט וואו מען קומט אין בעריהרונג אין פיעלע אונבעקאנטע און פרעמדע מענשען. אין זיין פארטראג וועגען סיפילים אין הערבסט נומער פון „געזונד און לעבען" האט ד״ר לאנ־דעם געשריבען אין איינצעלהייטען וועגען דיא פערשיעדענע אנשטעקונגס קוועלען מיט וועלכע מענשען קומען אין בעריהרונג אין אללטעג־ליכען פערקעהר אין לעבען. ער וועט דא בלויז דערמאהנען, דיא אל־געמיינע „קאפ" פון וועלכע פיעל מענשען טרינקען וואסער אין שעפער און פעקטאריעס; דער אלגעמיינער האנדטוך און זייף, דיא געשיער מען געברויכט אין, רעסטאראנטס און פיעלע אנדערע זאכען וועלכע קומען אין בעריהרונג מיט דיא אינערליכע אדער אויסערליכע קערפער טהיילען פון פערשיעדענע מענשען. יעדער קראנקער מוז לעבען אויף א היגיענישען שטייגער און פאלגען וואס דער דאקטאר הייסט איהם. ריינליכקייט, ריכטיגע שפייז, נארמאלען ארט לעבען אפט פערשיעדענע „טאניקס" איז זעהר וויכטיג אין דיא קראנקהייט. אומשטענדען קרעפ־טיגען און העלפען דעם אלגעמיינעם צושטאנד פון קערפער און העל־פען דיא ספעציפישע מעדיצינען טהאן זייער ארבייט. רויכען ווערט פערבאטען אדער זאל זעהר ווינציג געברויכט ווערען. דיא וועלכע קע־נען זיך ניט אפגעוואהנען דאמיט מוז יעדען מאהל נאכ׳ן זיכערען שוויי־קען זייער מויל מיט דיזינפעקטירטע וואסער. אלקאהאל, און קיינע שטארקע געטרענקע זאל אין גאנצען ניט געברויכט ווערען. אין פיעלע פעלער שטערט עס און האלט אפ אין גאנצען דיא ווירקונג פון דעם

דיא נייעסטע און בעסטע עליעקטרישע מאשינען

קענט איהר ביי דר. לאנדעס געפינען.

ספעציפישען מיטעל, מערקורי (קוועק־זילבער). אין אלגעמיין, א ריכ־טיגער נארמאלער לעבען, אונטער א ריכטיגען דייעט, מיט גענוג רוה און גענוג שלאף, ווינציג דאגות זיינען אויסגעצייכנטע העלפער צו העל־פען קומען צו א פאלקאמענעם געזונד צושטאנד.

אונטער דיא מעדיצינישע מיטלען וועלכע פלעגען געברויכט ווע־רען און ווערען נאך אויך יעצט געברויכט, אבוואהל ניט אזוי פיעל וויא פריהער, זיינען מערקורי (קוועקזילבער) איאדין (יאדע), ארסעניק, און פערשיעדענע מישונגען און פארבערייטונגען. דיא אללע מעדיצינען קע־גען געגעבען ווערען אין דריי ארטען: דורכ'ן מויל, איינרייבונגען אין הויט און וואונדען, און הייפאדערמישע איינשפריצונגען אין מוסקולען אדער גלייך אין דיא בלוט אדערען. יעדער מעטהאדע האט איהרע חסרונות און מעלות. וועלכע אויסצוקלייבען, בלייבט צו בעשליסען פאר דעם דאקטאר; דער פאפולערסטער מיטעל עד היום איז מערקורי אין זיינע פערשידענע פארמען. עס ווערט בעהויפטעט דאס עס האט א דאפעלטע ווירקונג, ערשטענס פערניכטעט עס דיא „ספיראקיעטס“ און צווייטענס שטארקט ע'ס דעם קערפער און דערלאזט דיא אנשטעקונג זיך ניט פערשפרייטען. איאדיען (יאדע), ווערט געברויכט מייסטענס אין סיפילים אין דיא דריטטע סטופע און דיא קראנקהייט אטאקירט דיא געהירען; עס ווערט אויך געברויכט ווען דיא סיסטעם רעוואלטירט געגען דיא מערקורי בעהאנדלונג און עס מוז דאנסט געביטען ווערען. אנדערע ספעציאליסטען געברויכען ביידע צו איין צייט, אדער געברויכען ביידע שוין קאנזעקוטיווען ארדער, למשל פאר א פאאר וואכען מערקורי נאכהער יאדיען, פאר א פאאר וואכען, און דאן צוריק מערקורי א. ז. וו. יעדער איינער בעהויפטעט גוטע רעזולטאטען פון זיינע מעטאדען. דיא געברויך פון מערקורי ווערט צוטהיילט אין צוויי מעטאדען דיא טאניק מעטאדע, ווען דיא מעדיצין ווערט געגעבען אין קליינע דאזען פאר א לאנגע צייט, אדער דיא „אלטעראטיווע מעטאדע“, ווען גרויסע פאר־ציעס ווערען געגעבען מיט א מאהל און ווערט ניט געגעבען מעהר פאר א בעשטימטע צייט. די מעטאדע מעהר אין געברויך יעצט איז דיא „טאניק מעטאד“ און ד'ר לאנדעס וועט עס דא אויך בעשרייבען. דיא

ווען דר. לאנדעס בעהאנדעלט און קורירט

דאן איז דיא היילונג זיכער גאראנטירט

בעהאנדלונג ווערט אנגעפאנגען מיט געבען א פאציענט איין זיעבעטעל גריין מערקורי דריי מאהל א טאג, וועלכע ווערט געגעבען עפטער מיט דער צייט. ווען דיא סיסטעם געוואהנט זיך איין דערצו, קען א פאציענט פארטראגען בין 10 צו 15 דאזען פון דיא מעדיצין. אזוי שנעל וויא דער פאציענט פאנגט אן צו צייגען סימפטאמען פון מערקורי פערגיפטונג ווערט דיא גיפטיגע דאזע צוטהיילט אויף העלפט און דיא העלפט און דיא העלפט ווערט פערדעכנט אלס דיא פאריגע און ווערט פיעלע מאהל געגעבען פאר יאהרען לאנג.

וויא ד״ר לאנדעס האט פריהער בעמערקט האט יעדע מעטאדע פון איינגעבען דיא מעדיצין חסרונות און מעלות; ס׳איז אויך פאסינג צו זאגען דאס יעדע מעטאדע מוז זיך פאסען צו דיא אומשטענדען און קערפער געבוי פון יעדען אינדיווידועלען פאציענט. אום דאס אללעס ריכטיג צו בעשטימען און בעשליסען מוז מען האבען א גוט׳ען ספעציאליסט וועלכער האט געווידמעט דאצו כמעט זיין גאנצען פראפעסיאנעלען לעבען. ד״ר לאנדעס, דורך זיינע לאנג יאהריגע פראקטיק וויים אויסגעצייכנט וועלכע מעטאדע צו געברויכען צו דיא ריכטיגע צייט און אין דעריין שטעקט אויך דער סעקרעט פון זיין ערפאלג און דער גרויסער צאהל פון געהיילטע פאציענטען.

געבען דיא מעדיצין דורכ׳ן מויל אין פארמע פון פיהלען איז שמערצלאז. דער היפאדערמישער מיטעל פעראורזאכט מעהר אדער ווייניג שמערצען. אום צו פערלייכטערן דיא שמערצען ווערט געגעבען מיט דיא איינשפריצונג פון מערקורי אויך א פאאר טראפענס אויל. דער לעצטער מיטעל איז ווירקזאמער דאמיט וואס עס ברייגנט שנעלערע רעזולטאטען, איינרייבונגען מיט פערשידענע מאסטצען איז גוט אין פיהלע פעלער. אבער עס קען בלויז געברויכט ווערען אין סאנאטאריומס און האספיטעלער, צוליעב דעם וואס עס איז שמוציג און אונבעקוועם, דיא קערפערליכע איינרייבונגען ווערט געגעבען צוליעב דעם וואס אין מאנכע פעלער האט־מערקורי א זעהר שאדענדעם עפעקט אויפ׳ן מאגען און דיא געדערים, ווען עס ווערט געגעבען דורכ׳ן מויל. „סאלווערסאן״ אדער „606״ איז דער ערשטער און ווירקזאמסטער

„מאן און פרוי״ פון דר. לאנדעס פערפאסט,

וועט עמפפאנגען ווערען אלס א גוטער גאסט

מיטעל וועלכער איז ערפונדען געווארען ביי דיא געלערנטע וועלכע הא־
בען זיך פערנומען מיט כעמאטעראפיע. כעמאטעראפי איז דיא וויסענ־
שאפט וועלכע שטרעבט צו געפינען כעמישע מיטלען וועלכע זאלל קער־
נען אטאקירען פאראזיטא און מיקראבען אין מענשען קערפער אהן צו
שעדיגען אדער זעהר ווינציג שעדיגען דיא ארגאנען און קערפער טהיי־
לען. דיא אנדערע הייל מיטלען וויא מערקורי, ארעסניק, א. ד. ג. אין
דיא פיעלע פארמען, אבוואהל עס אטאקירט און טויטעט דיא ספיר־
ראקיטס, האט עס אבער א שלעכטען ווירקונג אויף דעם קערפער.
„סאלווערסאן" איז דיא מערקווירדיגע ערפינדונג פון פראפעסאר עהרליך
פון פראנקפארט וועלכער האט דיא וועלט בעגליקט מיט דעם נייעם
הייל מיטעל. סאלווערסאן איז א מיטעל וועלכער איז אויסגעפרובירט
געווארען אויף פיעלע לאבאראטארי חיות און איז שוין געברויכט גע־
ווארען אויף פיעלע מענשען פאציענטען מיט גרויס ערפאלג, אהן צו
פעראורזאכען פערגיפטונג סימפטאמען. „סאלווערסאן (606) און דער
פערבעסערטער פראדוקט, „ניאסאלווערסאן" (914) ענטהאלטען ביידע
מעהר וויא א דריטעל ארסעניק פון זייער רעספעקטיווע געוויכטען; דיא
איבעריגע חלקים זיינען אנדערע כעמישע מיטלען. „914" ענטהאלט אויך
א כעמישען שטאף וועלכער 606 ענטהאלט ניט, אבער דער הויפט פרינ־
ציפ פון דיא ביידע מיטלען איז דער זעלבער. דורך דיא ענטוויקלונג
און עקספערימענטירונג פון דעם וואונדערבארען הייל מיטעל איז אויס־
געפונען געווארען דאס קליינע ראזען פון א ווירקזאמען מיטעל, וועלכע
ווערען געגעבען דורך א לאנגע צייט האט א קלענערן עפעקט וויא עט־
ליכע גרויסע דאזען מיט איין מאהל. ווען עהרליך איז צוערשט ארויס־
געקומען מיט זיין הייל מיטעל האט ער זאגאר בעהויפטעט דאס איין
איינשפריצונג וועט אומברינגען אללע ספיראקיטס מיט איין מאהל.
אבוואהל ס'איז גאנץ מעגליך, דאס אין מאנכע פעלער, איבערהויפט
ווען דער הייל מיטעל ווערט געברויכט אין דיא ריכטיגע צייט, איז עס
אויך אמת, אבער אין מייסטע פעלער מוז עס געברויכט ווערען מעהר
וויא איין מאהל. דאס נעמט אבער גאר ניט אוועק פון פראפעסאר

צו רייניגען און רעגולירען דיא מענשליכע בלוט,

איז עלעקטרישע בעהאנדלונג זיכער און גוט.

עהרליכ׳ס קרעדיט, דער נייער הייל מיטעל האט אנגעמאכט א רע־וואלוציאן אין דיא מעדיצינישע וועלט.

„סאלווערסאן" ווערט אריינגעשפריצט היפאדרעמיש אין מוסקולען און אין דיא בלוט אדערען. דיא בעסטע וועג עס צו געבען איז דירעקט אין דיא אדערען. דיא איינשפריצונג אבוואהל עס פעראורזאכט שמער־צען, אבער עס איז ניט אזוי אונערטרעגליך וויא עס ווערט בעהויפטעט. סאלווערסאן אין מאנכע פעלער איבערהויפט ווען ניט ריכטיג און פאר־זיכטיג געטהון פעראורזאכט לאקאלע עפעקטען וויא פון וועלכען ס׳איז אנדערען שטארקען שטאף: דיא הויט און לייב ווערט ענצינדעט, אויפ־געשוואלען און זאגאר דיא אינערליכע עפעקטען זיינען פערשידען אין פערשידענע פעלער; ביי פיעלע גיעבט עס קיינע עפעקטען, ביי אנדערע זיינען זיי זייער מילד, און ביי גאר אנדערע זייער שטריינג, און דיא וועלכע ליידען ערנסטע פאלגונגען קען מען בעמערקען מאגען טראבעל, הויכע טעמפעראטור, אלגעמיינע שוואכקייט, זאגאר עפיטעפטישע קאנ־וואלסען, וועלכע האלטען אן פאר עטליכע טעג.

זינט סאלווערסאן ווערט געברויכט זיינען געמעלדעט געווארען ארום 50 טויטעס פעלע אלס פאלגונג פון דיא איינשפריצונג. וויא ד״ר לאנדעס דיינקט איז דאס מעהר פאלגונג פון ניט ריכטיג איינשפריצען אדער איינשפריצען דאן ווען מען האט עס ניכט געדארפט טהאן. ד״ר לאנדיס גלויבט און איז איבערצייגט דאס דיא ריכטיגע וועג אויסצר־ראטהען דעם „טייוועל" איז געפונען געווארן: אבער ער האפט און ווינשט דאס מיטלען וועלען גענומען ווערען וועלכע וועלען ניט דערלא־זען דעם טייוועל פערשפרייטען זיינע נעצען איבעראל און פעראומגליקען אזוי פיעל אומשולדיגע מענשען.

— ענדע —

דר. לאנדעס אפיס איז 140 איסט 22טע סטריט.

זיין ראטה איז פריי. קומט איהם זעהען.